STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02056

DI BELAGERUNG FUN TULTSHIN

N. Minski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די בעלאגערונג פון טולטשין

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. O. R. S.

א היסטארישע דראמע פון באגדאן חמעלניצקי'ס צייטען, — אין פינף אקטען מיט א פראלאג פון נ. מינסקי. איבערזעצט פון רוסישען דורך א. רייזען. פערלאג „קולטור", מינסק. פרייז 20 קאפ.

צווייטע אויפלאגע.

Дозволено Цензурою
Варшава, 23 Августа 1905.

די פערזאנען:

פּירְשְׁט יַאנוּש טְשֶׁעטְווֶערְטִינְסְקִי, דער בעזיטצער פון טולטשין.
פּירְשְׁטִין זָאסְיַא, זיין פרוי.
מַאגְדוּסְיַע.
פַּאן סִינֶעלְסְקִי.
פַּאן וויסָאצְקִי.
פַּאן סְטרוּסִי.
פַּאן זְשׁוּבֶר.
דֶער גַלָח בֶּערַאלְדוּס.
א קִירְכֶען־דִיעֶנֶער.
סְטַאס בָּאבָּאן.
מַאקְסִים קְרִיוָואנָאס, דער קָאזאקען אַטאַמאַן.
פַּאוֶועל גְרִיב.
יוּריוּם וָואִינַא.
מַארְטִין רִיַאסַא.
קָאבְּזַאר (אַ בעטלער — א זינגער).
רַבִּי אַהֲרֹן, טולטשינער רב.
יוֹסֵף דֶע־קַאסְטְרָא.
שָׂרָה, זיין פרוי.
טוֹבִיָה.

פריצים, קָאזאקען, פויערען, יודען, די פּריצישע וואכט, דער הונד־אויפזעהער.

פראלאג.

(א פערזאמלונגס־פלאטץ אין דעם לאגער פונ'ם קאזאקען־אטאמאן מאקסים קריוואנאס אונטער טולטשין. פון אלע זייטען אין אונ־ארדנונג פערשפרייטע ביידליך. רעכטס—קריוואנאס'עס פאלאטקע. אין מיטען פלאטץ שטעהט א סלופ; נעבען איהם די ליטאווריס. פון דער ווייט זעהען זיך די פעסטונגס־טהורעמס, און די קופעלס פון די קלויסטער. נעבען סלופ — א גרופע קאזאקען, צווישען אנדערע: י ו ר י ו ם ו ו א י נ א, מ א ר ט י ן ר י א ס א, פ א ו ו ע ל ג ר י ב; עס זעהען זיך אויך פויערען אין גרויע סוויטקעס. אין דער מיט גרופע — דער בלינדער קאבזאר).

ערשטער אויפטריט.

קאבזאר: אט איז א ביסעל א חידוש! איך בין שוין באלד קרוב צו אכטציג, און איך האב נאך נישט געהערט, אז „זשידעס" זאלען שיעסען.

ריאסא: די קאסע נעהט אזוי לאנג ביז זי טרעפט פלוצים אן דעם שטיין. דריי חדשים האבען מיר מלחמה געהאלטען מיט'ן שונא, אין זיבענערליי בלוטען האבען מיר בראצלאווטשינע אפגעוואשען, עס פלעגט זיך מאכען מיר האבען אנגעטראפען א שטאדט צו א שלאס, פלעגען מיר דערמיט אין א מעת־לעת א סוף מאכען, אבגערוהט אביסעל און היידא ווייטער צו דער ארבייט! און דא, אונטער דעם דאזיגען פערפלוכטען טולטשין, שטעהען מיר שוין דריי וואכען — וואס א טאג איז א מלחמה; מיר האבען פון די ארומיגע דערפער אויפגערופען אלע פויערען, עס זענען הייזעריג געווארען די האקאווניצעס[1] שיעסענדיג, מיר קריכען אויף די ווענד, גראבען זיך אין דער ערד, — און ס'איז אלץ נישט אהין און נישט א הער.

קאבזאר: און אלץ די זשידעס?!

ריאסא: עהע, די זשידעס, זיי נישט צו דערקענען איז שווער. ווי היישעריקען בעפאלען זיי אלע ווענד. אויף איין פאליאק זענען זיי דא זאלבע־צעהנט. זייערע לאפסערדאקעס טרייסלען זיך, די פאות שפרינגען, זיי שרייען, פילדע־ען און פון די מושקעטען, פאלהאקען און האנדביקסען שיעסען זיי נאכאנאנד, די מאוסקייטען...

---

[1] פארצייטיגע ביקסען.

קאַבזאַר: וואָס איך הער!

ריאַסאַ: אָט, אַ שטיינער נעכטען. מיר האָבען שוין שיער־שיער די פעסטונג נישט גענומען: האָטש הייב־אָן שפּרינגען און קריכען אויפ׳ן וואַל, — מיט אַ מאָל האָט זיך, ווי אַ שוואַ־צער וואָלקען, אַ מחנה יודען אַוואָרף געטהון אויף אונז און עס האָבען זיך גענומען שיטען שטיינער, ווי אַ שוואַרציאָהרינער האָגעל. צוויי הונדערט קעפּ פון קאָזאַקען זענען אונטער׳ן וואַל אַנידער־געפאַלען און וואַ־טען אויף אַ קבר און אַ צלם... אָט פאַר וואָס עס איז אַזוי שטיל אין לאַגער. אַלע האָבען זיך צעזייעט און צעשפּרייט. ווער ס׳איז פערוואונ־דעט, ווער ס׳איז פערמאַטערט. און ער אַליין — דער ליעכהאַרציגער, שלאָפט שוין דעם אַנדער מעת־לעת. ער כאַפּט זיך אויף, מאַכט אַ כוסה און ווערד ווידער אַנשלאָפען...

קאַבזאַר: אָט וועט דאָס אַביסעל זיך פער׳חדוש׳ן דער באַטקאָ[1]) פּאַלאָוויאַן. ווען איך וועל איהם זאָגען: „איך האָב קריוואָנאָס׳ען געפונען, איך האָב איהם איבערגעגעבען דיין בריעף מיט דיין בקשה, ער וואָלט דיר געוויס וועלען העלפען פון יערעמען, איז ער אָבער אַליין שטאַרק פערנומען, מיט די זשידעס, פערשטעהסטו, האַלט ער מלחמה״... נו־נו! וועט דאָס אַביסעל אַ געלעכטער ווערען!... מ׳וועט זאָגען: ער לייגט, דער אַלטער.

(אונטער דער סצענע הערען זיך געשרייען: „ציגעען! ציגעען! צום באַטקאָ!״ אַלע שפּרינגען אויף פון די ערטער. צוויי קאָזאַקען פיהרען־אַריין דעם פּאַן וויסאָצקי׳ן און טוביה׳ן, געבונדענע פאַר די הענד, זיי געהט נאָך אַ מחנה).

שטימען: נאָכ׳ן באַטקאָ! געשווינד! גריב, לויף נאָכ׳ן באַטקאָ!

ריאַסאַ: דיין קומען, אַלטער, איז געווען פאַר אונז מזל׳דיג: אָהן די ציגען וואָלטען מיר געטאַפּט די ווענד.

צווייטער אויפטריט.

(די זעלבע און קריוואָנאָס).

קריוואָנאָס (געהט אַרויס פון פּאַלאַטקע): אַ דאַנק אייך, קינדער; האָט איהר זיי געפּאַקט?

---

[1]) באַטקאָ (פאָטער) — אַזוי רופען די קאָזאַקען זייער אַטאַמאַן.

דער ערשטער קאזאק: מיר זענען געווען אין פֿעלד. מיט אַמאָל בעמערק איך, ווי עמיצער, ניט אַנדערש, שאַרכעט צווישען דער תבואה. מיר לאָזען זיך נעהנטער. האָבען מיר טאַקי אינ'ם קאָרן געכאַפּט די בריה'ס. דער טייוועל האָט זיי פֿון פֿעסטונג געבראַכט.

דער צווייטער קאזאק: מיר האָבען זיי גלייך פֿון קאָפּ ביז די פּיס אַרומגעזוכט: ניטאָ גאָר נישט!

יוריום: אַ חידוש! אַ יוד זאָל קומען גאָר ליידיג.

קאבזאר: איז געלאָפֿען זשיד אַברם,
האָט פֿערלאָרען ער זיין קראם:
נאָדלען, שפּילקעס, צוקער, טהיי
און די יארמולקע, אוי ווער! (מען לאַכט).

קריוואנאס: פּיקט טרעוואנע! (גריב פּיקט אין די ליטאַוורעס פֿון אומעדום קומען זיך צונויף קאָזאַקען) ענדליך וועלען מיר פֿאָרט דער־נעהן, וואָס פֿאַר אַ מין טייוועל האָט זיך דאָרט בעזעצט און ווי אַזוי האָבען די יודען פֿון העלער הויט אָנגעהויבען מלחמה צוהאַלטען.

ריאסא: אַלע זענען שוין דאָ. —

קריוואנאס: הער אויס, ליאַך און דו יודליג! איך דאַרף נאָר אַ פּיפּס טהון וועט מען גלייך פֿון אייך די הויט אָבשינדען און מען וועט אייך אָבשיקען טאַנצענדיג צום טייוועל אין די צייהן. נאָר אויב אָבער איהר וועט זיין טריי די קאָזאַקען וועט מען אייך שוינען. איצט זאָלט איהר מיר געבען ענטפֿער. אָבער זיך נישט דערוועגען צו זאָגען ליגען, פֿאַר אַ ליגען וועל איך אייך די צונג אַרויסרייסען. וואוהין האָט אייך דער שוואַרציאָהר נעטראָגען?

יוריום: זעה, ביי ביידען איז פֿאַר שרעק די נשמה אין די פּיאַטעס פֿערקראָכען. דער ליאַך איז נאָך בלייכער פֿונ'ם יוד...

טוביה: איך בין געגאַנגען קיין בראַצלאַוו. אויף נאמנות. פּריצ'ל. אַן אמת. איך בין געגאַנגען קיין בראַצלאַוו.

קריוואנאס: נאָך וואָס?

טוביה: דאָרט וואָהנט מיין ברודער... תנחום. ער איז אַ שמש אין בית־מדרש און אַ היהנער־הענדלער (דער עולם לאַכט).

קריוואנאם: (ווענדט זיך צו פאַן וויסאָצקי'ן) און דו האָסט אויך אין בראַצלאוו אַ ברודער? — פייער!

וויסאָצקי: (בייגט זיך ביז צו דער ערד) געאַכפּערטער פּאַן! ווי איך האָב דיר נאָר דערזעהן האָב איך גלייך פערשטאַנען: דאָס איז נישט אַבי־וועָר אַ קאָזאַק, נאָר אַ העלד, אַן איידעלער מענש, אַ וואה־לער ריטער. איך שווער דיר, ווי איך בין אַ שליאַכטיטש, אַז איך וועל דיר דערצעהלען דעם אמת, זאָלסט נור בעפעהלען, מען זאָל מיר די הענד בעפרייען, און גיעב דאָס וואָרט, אַז פאַר אַ אויסקויף וועסטו מיך אַבלאָזען.

קריוואנאם: אַ, דו ניעדערטרעכטיגער גנב! דו ביסט אַהער געקומען פיינען זיך! איך שווער דיר, אַז איך וועל דיר דיינע אויהרען און די נאָז אָבשניידען, איך שווער דיר, כלב איינער, פאַר די הינד צו וואַרפען. וואוהין ביזטו געגאַנגען?

וויסאצקי: איך וועל געבען אַ גוטען אויסקויף, אַ רייכען... איך בין, פערשטעהסטו מיך, וויסאָצקי! האָסט געהערט...

קריוואנאם: אַ שאלה צו געהערט! אַזוינע הינד זענען גענוג פאַרהאַן... וואוהין ביזטו געגאַנגען? (מען ברענגט פייער).

וויסאצקי: וויסאָצקי וועט קיין ליגען ניט זאָגען. געגאַנגען זענען מיר קיין נעמיראוו... אַזוי האָבען די יודלעך בעשלאָסען...

טוביה: (שלאָגט איהם איבער) אוי, אוי, ס'אַ ליגען! די פריצים אַליין האָבען בעשלאָסען צו בעטען הילף ביי ווישנעוועצקי'ן.

קריוואנאם: (האַפּט ארוים די שווערד) וואָס?! ליאַך איינער! דו ביזט צו יערעמאַן געגאַנגען?! אָט נאַ דיר! (ער וואַרפט זיך אַרויף אויף וויסאָצקי'ן. ריאַסא, גריב און אַנדערע האַלטען איהם קוים איין).

ריאסא: לאָזט פריהער איהם חוקר־ודורש זיין.

וויסאצקי: ער זאָגט ליגען, דער ניעדערטרעכטיגער זשיד! איך בין ניט וועלענדיגערהייט צום פירשט געגאַנגען. מיר האָבען דעם פירשט ניט ליעב... דאָס האָבען די יודען צו איהם געשיקט.

טוביה: סטייטש — דו האָסט דאָך אַליין...

וויסאצקי: איך בין אַלע מאָל געווען דעם פירשט'ס אַ געגנער... אויף דעם סיים.

טוביה: ס'איז דאָך דיין עצה געווען...

וויסאצקי: דער פאַרך זאָגט ליעגען.

ISIDOR HURWITZ

טוביה: מײַנע האַ־ען! גאָט איז אַן עדות.

יוריום: מען האָט זיי נאָך אַ הונד געראַ־פּט געבען פֿאַר אַ חבר!

אַ הונד, אַ ייִד און אַ ליאַך
איז די אמונה אַלץ אײן זאַך.

ריאַסאַ: הער אויס, ליאַך! פֿון גאָר ניט לאַנג אָן האָבען די יודען אָנגעהייבען אַרויס צו טרעטען קע־ען אונז אויף די ווענד. זאָל דאָס טאַקע זיין אַן אמת, אַז די יודען האַלטען עס מיט אונז מלחמה, אָדער דאָס האָט זיך דער שטן פֿאַר יודען פֿאַרשטעלט? וואָס, ליאַך איינער, שווייגסטו?

וויסאַצקי: די יודען שיעסען טאַקע מיט אַן אמת.

ריאַסאַ: אָט זענען נסים! און אייערע זענען דאָ אַ סך אונטער׳ן וואַל?

וויסאַצקי: פּריצים האָבען זיך אין טולטשין פֿערזאַמעלט אַ פּאָר צעהנדליג, ביי זיי געפֿינט זיך אַ וואַכט ביז הונדערט מאַן, אָבער ביין פֿירשט אַליין געפֿינען זיך אַ פֿיער הונדערט מאַן פֿון הויפֿיגער וואַכט.

קריוואָנאָס: הייסט עס אַרום און אַרום פֿינף הונדערט, נו, און יודען?

וויסאַצקי: יודען זע־ען דאָרט אין גאַנצען זעקס טויזענד, בער וואָפּענטע אָבער — צוויי טויזענד.

טוביה: דריטהאַלבען.

קריוואָנאָס: הונד איינער! ווער האָט זיי אָבער געגעבען אַזוי פֿיעל געוועהר?

וויסאַצקי: דער טולטשינער מושל, פֿירשט יאַנוש טשעטווערטינסקי!

קריוואָנאָס: הייסט עס, דער ליאַך מיט׳ן יודען זענען פֿון היינט אַן גוטע פֿריינד געוואָרען, אַ אונגלויבינער מיט אַן אונכריסט האָבען ברידער־שאַפֿט געשלאָסען?!... אַמאָליגע ציטען פֿלעגט אַ פּוילישער פּאַן פֿערדינגען אַ יודען די קרעטשמע, די ערד מיט די מענשען און די היילינע קירכע: נאַ, געוועלטיג, זשיד, ראַבעווע, מוטשע און דריק־צו, אַבי־נור עס זאָל זיין רעגדליך אויף מאַכען מאַהלצייטען, אָבער מיט׳ן יודען אַליין האָט זיך דער פּאַן אָפּען געמיאוסט; מיט

איהם צוזאמען פלעגט ער קיינמאל נישט זיצען, צוזאמען נישט געטרונ־קען און ווער רעדט צוזאבען מלחמה האלטען — אוודאי און אוודאי נישט! און היינטיגע צייטען לערענט א פוילישער פירשט די יודען, זיי זאלען קענען שיעסען...

ווישאצקי: נישט דער פירשט לערענט זיי, נאר זייער רב.

קריוואנאס: דער רב! אט דער דויקער דער אלטער?

ווישאצקי: ניין — א יונגער. ער איז ניט קיין היגער. ער איז געקומען צו פאהרען פון ווייטע מדינות. מען רופט איהם דע־קאסטרא. ער איז גאר ניט גלייך צו די היגע. וואלסט זעהן, ווי אזוי ער רייט אויפן פערד, היינט וואס פאר א בריה ער איז אין מלחמה־זאכען! אין פינף טעג האט ער נעבען טויער א טהורם אויסגעבויעט. ממש נסים! די יודען האט ער פאנאנדער־געטהיילט אויף וואכט־מחנות.

קריוואנאס: האבען זיי נאך ברויט?

טוביה: אויף א חודש וועט נאך קלעקען פאר אלעמען.

קריוואנאס: ליאך, איז דאס אמת?

ווישאצקי: גאנץ מעגליך. די פריצים האבען נישט וועניג ברויט מיט זיך געבראכט צו פיהרען.

קריוואנאס: גענוג. פיהרט זיי אוועק.

ווישאצקי: פאן־אטאמאן —

קריוואנאס: נעהמט זיי צו! (ווישאצקין און טוביה'ן פיהרט מע אוועק).

דריטער אויפטריט.

(די זעלבע אהן ווישאצקין און טוביה'ן).

קריוואנאס: מיינע הערען, — מיר דאכט זיך, אז מיר וועלען ניט בייקומען אט דעם פערשאלטענעם טולטשין. אפשר וואלט גלייכער געווען, מיר זאלען זיך גאר אבטראגען פון דאנען און זיך לאזען צום באטקא פאלאוויאן, פריבען זיך אביסעל מיט יערעמע'ס מחנות? (אשטיל־שווייגען).

גריב: די מעשה איז אזוי; וואס זענען מיר אין דער אמת'ן שטעקען געבליבען אונטער טולטשין? זענען די יודען דען אויסגעגאנגען

אין אוקראינע ? אָדער ווענינ פריצים זענען דאָ אין בראַצ־אַווטשינא ? אָדער אַ טולטשינער יוד איז געשמאַקער פאַר אַ יודען פון ערגעץ אַנדערש ?

שטימען: אַט האָט ער אַ מאכל געפונען! — יודען אַז מען ...ז זיי. זענען שטענדיג געשמאַק.

ריאַסאַ: און מיין עצה איז, מיינע העררען, מען זאָל ניט אַוועק־געהן. די יודען האָבען ביז היינט קיין געוועהר ניט גענומען; אַז מיר וועלען אָבטרעטען וועלען זיי זיך צונויפנעהמען מיט די פאָליאַקען, און יודען זענען אין אוקראינע דאָ אָהן אַ שיעור. אַז מיר וועלען אָבער זיי דאָ אויס שעכטען ביז איינעם, אַז קיין זכר זאָל פון זיי ניט בלייבען, וועט ביי די איבעריגע פערלוירען געהן דער חשק מלחמה צו האַלטען.

(אַן אַלגעמיינער גערודער).

שטימען: שוין פינף טעג, אַז מיר האָבען אַביסעל בראָנפען ניט געזעהן. — ביי זיי וועט דאָס ברויט באַלד אויסגעהן. מען דאַרף וואַרטען. — דו וואַרט ביז וואַנען עס וועלען אין פ ע ט ע ר פערפרוירען ווערען די טייכען.— ביז וואַנען אין וו אַ ס י ל וועלען די יאַגדעס צייטיג ווערען. — ווער עס וויל, זאָל וואַרטען, מיר וועלען געהן ! — מיט וועמען איז דער באַטקאָ ? — שדים !

(דער גערודער ווערט שטאַרקער).

קאַבזאַר: קאָזאַקען ! קינדער ! חברים ! לאָזט מיך אַ וואָרט רעדען !

שטימען: שווייגט. — גענוג צו הוקען ! — דער אַלטער וויל רעדען !

(דער גערודער ווערט ביסלעכווייז שטילער)

קאַבזאַר: ווילט איהר דען קינדער שוין איינעמען די פעסטונג און קומען צו הילף די ברידער?

ריאַסאַ: איך וואָלט אַ בעלן געווען עסען האַלושקעס חאָטש מיט שמאַלץ, וואו נעמט מען אָבער די האַלושקעס ?

קאַבזאַר: ס'איז דאָ האַלושקעס און שמאַלץ צו זיי איז אויך פערהאַן. ניט אומזיסט לעב איך שוין דעם אַכטען צעהנדליג יאָהר. חאָטש איך בין בלינד, אָבער וואָס עס איז פערשטעה איך. גלויבט מיר, ברידער, דער פאָליאַק מיט'ן יודען וועלען זיך נישט לאַנג חבר'ן. נאָר די נויט האָט זיי צוזאַמענגעקניפט. די נויט וועט נישט נור מיט

א יודען, נאר מיט'ן שוואַרץ־יאָהר אַליין פריינדשאַפט שליעסען. איהר האט געזעה'ן זייער פריינדשאַפט. איצט, קינדער, האָט אונז גאָט אַליין צוגעשיקט אַ מיטעל ווי אַזוי צו שיידען זיי. שיקט אַריבער אין פעסטונג דעם געפאַנגענעם ליאַך און זייט מודיע דורך איהם אַלע ליאַבען דאָרטען, אַז נישט מיט זיי מלחמה האַלטען זענט איהר געקומען, נאָר מיט די יודען, מיט די אונ־כריסטען, אַז ווי נור איהר בעקומט די יודען, טרעט איהר אָב. וועט איהר זעהן, קינדער, ווי אין אַ טאָג אַרום איז די פעסטונג אָפען, פריהער די יודען, נאָכדעם וועט איהר די פאָליאַקען אויסהרגנ'ען, און דאַמאָלס וועט איהר זיך גלייך לאָזען אין וועג, געהן העלפען די חברים.

קריוואנאס (נאָך אַפויזע): קום אַהער, אַלטער־לעבען, איך וועל דיך אַרומנעהמען. ווי אַזוי דאָס וועט אַליץ אַרויס קומען קען איך נים וויסען, איך פיהל אָבער, אַז נים לאַנג וועט זיך די פעסטונג האַלטען, דו קלויב זיך צו צוריק צו פאָלאָוויאַנען, זאָל ער זיך נאָך האַלטען, מיר וועלען גיך קומען צו פליהען. נו, ברענגט אַהער געשווינד דעם יודען מיט דעם ליאַך!

שטימען: אַרעם אויפ'ן קוק און רעדט אַזוי קלוג. —
איך זיין טאָרבע, זיין זאַק — ליעגט שכל אַ פאַק.
(מען פיהערט אַריין דעם פאַן וויסאָצקי'ן און טוביה'ן).

פיערטער אויפטריט.

(די זעלבע, וויסאָצקי און טוביה)

וויסאצקי (ביקענדיג זיך ביז צו דער ערד): דער געאַכפערטער פאַן האָט מיר צוגעזאָגט צו שוינען, איך האָב דיר אַליץ ענטפלעקט. וואָס אויפ'ן האַרצען! וועט דען אַזאַ גרויסער עדעלער ריטער ניט האַלטען קיין וואָרט? דעם רייכסטען אויסקויף וועסטו בעקומען.

קריוואנאס: אַהער קום, דו גרויסער פאַן! ווער האָט דעם פאַן געוואַגט צו בינדען, היי, בינדט איהם אָב, גיכער! זיי ביי אונז אַ גאַסט. צו וואָס זאָל מען גלאַט זיך מאַכען נאַריש? ביזט דאָך פאָרט אַ געטויפטער, נישט קיין אונכריסט...

וויסאצקי (דרעהט די וואָנסע מיט דער בעפרייעטער האַנד): אויף

מיין האָנאָר־וואָרט, דער פּאַן רעדט מיט פֿערשטאַנד. איך מיין, דו ביסט שוין דערגאַנגען ווער אַזוינס איך בין.

קריוואנאס: ווי דען? ווער האָט עס ניט געהערט פֿון די שררות וויסאָצקעס?

וויסאצקי: איך שווער, מיט דעם הערב, אַז אונזער יחוס איז נישט אַבי־וועלכער, מיט די פֿאַמיליען קאָנאַצפּאַלסקי׳ס און פּאָטאָצקי׳ס האָבען מיר עפּעס אַ שייכות; מיין זיידע איז געוועזן דער זשיטאָמירער פּאָד־סטאַראָסטאַ!

קריוואנאס: איך ווייס דאָס אַליץ, מיין הער. זעץ זיך צו. אפשר וועסטו מיט אונז טרינקען אַ גלעזעל בראָנפֿען?

וויסאצקי: אויף מיין האנאר־וואָרט, איך וועל טרינקען, עס זענען דאָ אַפילו אַסך פּריצים, וואָס וועלען מיט אַ פּויער קיינמאָל נישט נעהמען טרינקען, איך בין אָבער נישט אַזאַ בעל גאַוה, סיי אַ פּאַן, סיי אַ פּויער — ביי מיר זענען אַלע מענשען.

קריוואנאס: דו וואָלסט עס פֿריהער געזאָגט, וואָלטען מיר גלייך פֿאַר איין גוט וואָרט קוויט געוואָרען.

וויסאצקי: איהר זענט אַ מענש מיט שכל. (הייבט אויף דעם כוס) איך טרינק פֿאַר שלום און פֿריעדען אין פּוילען. איך ראַטה אייך, קינדער, איהר זאָלט שטאַרק געהאָרזאם זיין אייערע פּריצים, זיי זאָרגען אַליין פֿאַר אייך.

קריוואנאס (צו זיך): ס׳אַ מין הונד! (אויפ׳ן קול) אייך צו פֿאָלגען זענען מיר גרייט, די יודען אָבער. פֿערשטעהסטו, קענען מיר נישט ליידען. אָט איצטער אַ שטייגער, זענען מיר געקומען אַהער אונטער טולטשין נאָר כּדי צו פֿערנעהמען די יודען, די שונאים פֿון כריסטוס. ניט אַזוי?

שטימען: אַזוי, באַטקאָ, אַזוי. די פֿאָליאַקען שטערען אונז ניט.

וויסאצקי: די יודען? איך וועל זיי אייך האָטש מאָרגען ביז איינעם אַרויסגעבען.

קריוואנאס: ווי אַזוי קאָנסטו זיי אַרויסגעבען?

וויסאצקי: דו לאָז מיך נאָר צוריק־קעהרען אין פֿעסטונג. מיר, פֿערשטעהסטו, האָבען געמיינט, אַז איהר בונטעוועט זיך קעגען די פּריצים.

קריוואנאס: איהר זענט אין איין בונד מיט די יודען, איהר זענט זייער צד.

וויסאצקי: לאָזט אונז צו רוה מיט אזא מין בונד. עס איז א חרפּה פאַר לייטען און א זינד פאַר גאָט.

קריוואנאס: זאָל זיין ווי דער פאַן פערלאַנגט.

טוביה: (גנבה'ט זיך אונטער צו וויסאָצקען און פאַלט אויף די קניהען) פּריצ'ל — זיי נאַרען דיך, דערמאָהן זיך...

קריוואנאס (האַפּט איהם פאַר'ן גאָרגעל): שווייג! פערפלוכטער יוד! א ניט וועל איך דיך אויף שטיקליך צושניידען.

טוביה (רייסט זיך אַרויס): דערמאָהן זיך:

א הונד, א יוד און א ליאַך....

קריוואנאס (חאַפּט איהם ווידער פאַר'ן גאָרגעל): הער צו פּאַן! ווי דו ווערסט קומען קיין טולטשין, זאָג דאָרט „דייניגע" אז מען האָט אייך ביידען געפאַנגען, אז דו ביסט געוועזען ביי אונז זעהר א אָנגעלעגטער גאַסט און אז דעם יודען... עה, נעמט איהם — הענגט איהם אויף! (מען חאַפּט טוביה'ן און מען פיהרט איהם אַוועק) היינט ביזטו נאָך אונזער גאַסט און ביי נאַכט — וועסטו שוין אין פעסטונג זיין. נעהן וועט מיט דיר איינער פון אונזערע. יוריום, דו ביזט א וואָהלגעלערנטער. ווייסטו ווי אַזוי מען בענעהט זיך מיט פּריצים, וועסט ווערען געהן מיט'ן פּאַן?

יוריום: פאַר וואָס נישט? איך וועל געהן.

ריאַסא: נאָר זעה, פערליעב זיך נור דאָרט נישט אין א קליידעל. דו ביזט שוין פון אַזאַ מין...

וויסאצקי: אָ, ס'איז א שעהנער יונגערמאַן. די יונגע פירשטי קען זיך נאָך אין דיר דאָרט מיט אַמאָל פערליעבען, וועט זי האָבען נאָך א הוספה צו איהר אַלטען מאַן... זי האָט פיינט איבערצוקלויבען...

קריוואנאס: ניט טרייב קיין שפּאַס.

יוריום: האָב, באַיטקאָ, קיין מורא ניט.

קריוואנאס (צו דעם קאבזאר): זינגט אונז עפּעס, אַלטער, שפּיעל אונז אויף א טענציל, ברענגט לכבוד דער שמחה א פאַס ווין, הוליע, קאַזאַצקע נשמה'לע, הוליע, וויפיעל דו ווילסט נור אַליין —

קאבזאר (זינגט):

אוי, זענען די יודען קיין סלוטשי ענטלאָפֿען
האָט ויי דאָרטען אַן אונגליק געטראָפֿען.
זענען די יודען ענטלאָפֿען קיין פרוט
איז זיי דאָרטען אויך ניט גוט.
האָפּ, האָפּ, האָפּ טרעפּאַק,
דערזעהן האָט איציק אַ קאָזאַק,
וואַרפֿט זיך אום זיין בויך פֿאַר שרעק,
הייבט די פּאָלעס און לויפֿט אַוועק...
(אַ גרויס געלעכטער. אַלע בעוועגען זיך. פֿאָרהאנג).

ערשטער אקט.

ערשטעס בילד.

(אַ בית־מדרש, אין דער מיט אַ גרויסער טיש. רעכטס דער אָרון־קודש, איבערגעדעקט מיט אַ פּרוכת; ביי'ן ארון־קודש דער עמוד, לינקס — די טהיר. יוסף דע־קאסטרא, אין אַ שפּאַנישען אַנצוג איז אַרומגערינגעלט פֿון אַ גרופּע יודען, אַביסעל ווייטער זיצט דער רב ר' אהרן און האַלט פֿאַר זיך אַ גמרא).

ערשטער אויפֿטריט.

קאסטרא: סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט טהו איך און קלער: ווי אַזוי דערבויט מען וואָס גיכער דעם טהורם, איידער נאָך דער שונא וועט פֿאַרנעהמען אַ נייעם אָנפֿאַל, די בויערען קומען זיך צונויף פֿון די אַרומיגע דערפֿער און וואָס אַ טאָג, וואָס אַ טאָג וואַקסט אַלץ זייער צאָהל. בכן, מיינע פֿריינד, לאמיר זיך נעהמען מיט די לעצטע כוחות! זאַמעלט אויף די וואַכט און פֿיהרט זי צום פֿעסטונג.

דער רב ר' אהרן: אום שבת?

קאסטרא: מיר טאָרען נישט רוהען, אונזער גאַנצער גורל הענגט איצט אָב אָן דעם דאָזיגען טהורם.

ר' אהרן: אום שבת! אָך־אָך! איך האָב טאַקי געזאָגט, אַז די גאַנצע מלחמה'שאַפֿט וועט צו גוטס ניט ברענגען. איז דען אַ יודישע זאַך מלחמות צו פֿיהרען? זאָגט אַליין — מיט וועמען? מיט פּויערען? ניין, מיט גאָט, וואָס האָט זיי אויף אונז אָנגעשיקט פֿאַר אונזערע זינד.

קאַסטראַ: הער־אויף, רבי! אומזיסט ווילסטו זיי אָבהענדיג מאַכען, ס'איז שוין אַוועק די צייט, זיי זענען ניט די אַמאָליגע! זייער גייסט האָט אויפגעבליהט, ווי אים פֿריהלינג דאָס געוויכס! נאָר דו אַליין, ווי אַ פֿוילער צווייג, צווישען די יונגע פֿרישע בלעטעלעך, שלאָפֿסט! נאָר דו אַליין האָסט זיך ניט אומגעביטען.

ר' אהרן: דו נאַר! גיכער וועט זיך די ערד אין גאַנצען איבער־קעהרען, איידער דאָס פֿאָלק ישראל וועט זיך חאָטש אין עפּעס אומבייטען.

קאַסטראַ: ער האָט זיך שוין אומגעביטען—דאָ אין טולטשין. דאָס פֿאָלק וואָס איז נעכטען נאָך געזען ווי אַ שטיל, ציטריג שעפּעלע, וואָס האָט געדיענט אַלס ביישפּיעל פֿון געפֿאַלענהייט און דערשראָקענ־הייט, איז היינט ערוואַכט געוואָרען, אין זיין זעעלע האָט ער דעם אַלטען מוטה געפֿונען, אויף דער ערד — הברים, אַ פֿאַטערלאַנד.

ר' אהרן (אָנווייזענדיג אויפ'ן ספר)**:** אָט איז אונזער פֿאָטערלאַנד. דאָס קאָן קיינער ביי אונז נישט אָבנעמען: אויף אויסווענינג קענען מיר אונזער פֿאַטע־לאַנד.

קאַסטראַ: דאָס פֿאַטערלאַנד פֿון גייסט, אָבער נישט פֿון קערפּער. איבריגענס קענסטו זיך פּשט'לען, מיר אָבער וועלען זיך פֿערטהיידיגען.

ר' אהרן (צו דער עדה)**:** אוי קינדער, דער אויסלענדער וועט אייך אונגליקליך מאַכען, ער איז אונז פֿרעמד, ער ווייסט ניט אַז אונז שיצט פֿון אייביג אָן אונזער שוצלאָזינקייט. און אַז מיר זאָלען אַ העזה האָבען צו שיצען זיך, וואָלט פֿון אונז שוין לאַנג קיין שריד־ופליט ניט געבליבען.

קאַסטראַ: דאָס רעדסטו נור אַזוי דערפֿאַר, ווייל אויף דיר לאַסטען גאַנצע דורות פֿון שלעק, פּרעניות, גרויזאַמע אונגליקען און ביטערער שפּאָט. ניין, ס'איז הונדערט מאָל בעסער צו שטאַרבען, איידער צו לעבען אַזוי, ווי איהר האָט ביז אַהער זיך דורכגעפּלאָגט, מיט דעם זעלבען פּחד פֿאַר'ן לעבען, ווי פֿאַר'ן טויט; דערמיט האָט איהר נאָר אריינגעגעבען אייערע שונאים אַ געפֿיהל פֿון עקעל צו אייך, און אייערע פֿריינד — אַ געפֿיהל פֿון שרעק און פֿערצווייפֿלונג. איהר האָט פֿער־לוירען דאָס עהרע־געפֿיהל, די ליידענשאַפֿט און די פֿע־לאַנגען נאָר איין

פֿערלאַנג איז אייך געבליעבען: ציהען וואָס לענגער דאָס פֿערהאַסט און פֿעראַכטעט לעבען.

ר׳ אהרן: דו קענסט נאָר דערפֿאַר אַזוי רעדען, ווייל דו ביזט געבוירען געוואָרען ניט קיין יוד. (אַלע בלייבען איבעראַשט).

שטימען: ניט קיין יוד! דער רב האָט אַליין געזאָגט! ער וועט ניט זאָגען קיין ליגען! איז דאָס מעגליך?

קאַסטראַ: יאָ, ער האָט געזאָגט אַן אמת. איך אַליין האָב איהם דעם דאָזיגען אמת פֿערטרויט. איצטער וואַרפֿט ער מיר דערמיט פֿאָר! זאָגט אַליין, האָב איך דעם פֿאָרוואורף פֿערדיענט?

שטימען: וואָס הייסט ניט קיין יוד! ווער האָט עס געקענט גאָר קלערען? שטיל!

קאַסטראַ: איך האָב מיך שוין לאַנג געקליעבען אייך בעקאַנט מאַכען, וועגען מיין וואונדערליכען מזל. איך בין געבוירען ווייט פֿון דאַנען, אין ליסאַבאָן. מיין מוטער געדענק איך ניט. איך געדענק נור מיין פֿאָטער — ער איז געוועזען אַ שטאָלצער גראַנד. אין אַ קלויסטער פֿון די טריבע דאָמיניקאַנער האָב איך די ערשטע טעג פֿון מיין לעבען פֿערבראַכט. אז איך בין אַ עלטער יונגעל געוואָרען, בין איך אָנגעקומען אין פֿאָטערס הויז, וועלכעס איז געוועזען אַזוי טריעב און אַזוי גרויס ווי דער קלויסטער... מיין פֿאָטער האָט מיך געוואָלט מאַכען פֿאַר אַ מאָנאַך. אין מיין ברוסט האָט אָבער דאָס בלוט, ווי אַ לאַווע געקאָכט. איך האָב געפֿאַנטאַזירט וועגען דעם ים. אין מיינע אויהרען האָט געקלינגען דער גערויש פֿון שלאַכט-פֿעלד, איך האָב געטרוימט פֿון סערענאַדען-ליעדער. מיין פֿאָטער איז באַלד געשטאָרבען; איך האָב תיכף צונויפֿגענומען אַ מחנה און האָב מיך פֿלינק געלאָזען נאָך בראַזיליען, וואו דער קריעג הערשט נאָך אין זיין ווילדען מאַכט ביז איצט. אָ, שטורמענדיגע און פֿרעהליכע יאָהרען! ווי שמחות, פֿרעהליכע קאַמפֿען, און ווי קאַמפֿען, רוישענדיגע שמחות. און דער אָקעאַן, און די יוגענד, און די פֿרייהייט! מיר איז אָבער טייערער פֿון אַלע לוסט-שפּיעלערייען, טייערער פֿון אַלע העלדענטהאַטען, טייערער פֿונם לעבען אַליין — מיין פֿריינד, מיין אונפֿערגעסענער פּעדראָ געוועזען! ער איז געוועזען יונג, אָבער קליגער פֿאַר אַן אַלטען! ער איז געוועזען רוהיג, זאַנפֿט און איז מיר טריי געוועזען ווי אַ מאַמע. און איך האָב איהם ליעב געהאַט, ניט ווי

אַ מענשען — איך האָב איהם כמעט פערגעטערט! איין מאָל איז ער צו מיר געקומען דערשראָקען און בלייך. איך האָב איהם אונרוהיג געפרעגט, וואָס בעדייט עס און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען ער מוז מיר אַ וויכטיגען סוד מגלה זיין. איך בין מיט איהם אַוועקגעגאַנגען צום ברעג ים, דאָרט בין איך דערגאַנגען— וואָס פאַר אַ שרעק האָט פלוצלינג מיין האַרץ דורכגעדרונגען! — איך בין דערגאַנגען, אַז מיין פעדרא איז אַ מאַרראַן... אַ יוד... אַ קריסט נור לפנים!.. אַז ער איז מתפלל פאַר דעם יודישען גאָט! אַז בסוד הייסט ער יצחק!... בעמערקענדיג מיין שרעק האָט ער צוגעגעבען: „און דו אַליין — ביזט אויך אַ מאַרראַן!" און ער האָט מיר דער־צעהלט אַ געשיכטע, ווי אַזוי אונזערע עלטערען האָבען אין דער צייט פון רדיפות, זיך גערעטעט דערמיט, וואָס זיי האָבען אָנגעטהון אַ מאַסקע פון אַ פרעמדען גלויבען, און ווי אַזוי דערנאָך, אַז מען האָט זיך פינ'ם אָנשטעל דערוואוסט, זענען זיי ענטלאָפען פון פארטוגאל, פון די פינסטערע תפיסות און פון די ווילדע פלאַמען.... נאָר מיין פאָטער אַליין האָט די געצ־וואונגענע מאַסקע פערוואַנדעלט אין אַ פרייער און איז דערפאַר געבליבען אין ליסאַבאָן... אַזוי האָט מיר פעדרא דערצעהלט, און פון דער צייט אָן האָבען מיר מעהר וועגען קיינע אַנדערע זאַכען ניט גערעדט. נעבען באַח'ע־דאָס־סאַנטאָס געפינט זיך אַ פעלזען, וועלכער ביינגט זיך ווייט אַ־אָב אין ים און בילדעט אַ געהיימע העהל. דאָרט אין דער העהל פלעג איך זיך מיט פעדרא'ן בעהאַלטען אַלע טאָג. ער האָט מיך דאָרט געלערענט די תורה פון אונזערע אור־עלטערען, און האָט מיר דערצעהלט די געשיכטע פון מיין פאָ־לק. איך האָב שטיל געשוויגען און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיין יעדעס וואָרט. וואָס ער האָט אַזוי בעגייסטערט גערעדט, און צו דעם מעכטיגען אָטהעמען פון דעם אקעאַן... און אין מיין פאַנטאַזיע האָבען זיך ביידע צוזאַמענגעגאָסען און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער די געשיכטע פון אַ פאָלק־אקעאַן, וואָס האָט אַמאָל־אַמאָל די גאַנצע וועלט אַרומגעפליעסט און די הימלען האָבען זיך אין איהם העל אָפגעשפּיגעלט. גאָט אַליין איז אַראָב פון דער ערד צו ריידען מיט איהם, און דערנאָך האָט ער די גאַנצע ערד איבערגעגעבען דאָס, וואָס גאָט האָט מיט איהם גערעדט. נאָר גאָט האָט מיט זיין צאָרן אַנ'אָטהעם געטהון און די כוואַליעס פון

רוהם האָבען זיך פֿערוואַנדעלט אין כוואַליעס טרערען און בלוט. פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס פייניגט מען איהם אונשילדיגערהייט? און אָפֿט פֿלעגט טרעפֿען, אַז איידער דער גוטער פעדרא ענדיגט נאָך זיין ערצעהלונג פֿלעגט ער מיר אויפ'ן ברוסט אַרויפֿפֿאַלען און דאַן פֿלעגען מיר ביידע לאַנג וויינען און מיר האָבען געשוואוירען אָפּצוגעבען אונזער גאַנץ לעבען, איינגאַנצען דאָס בלוט פֿון האַרצען, די ברידער, אונזער פֿאָלק.

איין יוד: און פֿון דאַמאָלסט אָן ביזטו אַ יוד געוואָרען?

קאסטרא: ניין, באַלד נאָך דעם האָט מען מיין חיל צוריק אָבגערופֿען קיין ליסאבאן, און איך האָב זיך מיט פעדראַ'ן געשיידט. אין ליסאבאן זענען געשעהן גרויסע זאַכען. דאָס פֿאָלק האָט פֿון זיך אַראָבגעשליידערט דעם פֿערהאַסטען שפּאַנישען יאָך, און אינ'ם גערויש פֿון לעבען, אינ'ם גערודער פֿון די פּאַסירונגען, האָב איך, וועה איז מיר! פֿעדראַ'ס שטיל קול פֿערגעסען. געוואוהנהייט... בושה... קייזער־ליכע לוסט־שפּילעריי... איך בין געווען אַליין... און דער שטראָם האָט מיך געטראָגען... און גאָט האָט מיך בעשטראָפֿט; מיט אַ מחנה בראַ־באַנטען האָב איך אַמאָל בעוואַכט דעם פּלאַץ, וואו מען האָט אין דעם זעלבען טאָג געדאַרפֿט פֿערברענען אַנ'אַפּיקורוס. ביז'ן הימעל האָבען זיך די פֿלאַמען געטראָגען. דאָס גרויזאַמע פֿאָלק האָט גערויש. מען האָט צווישען זיך גערעדט. אַז דער דאָזיגער אַפּיקורוס האָט מיט זיין לאַנגען עקשנות אין ווילדען גרים־צאַרן אַריינגעבראַכט די הייליגע פּריסטער, אַז ער איז ווערטה, מען זאָל איהם אָנטהון די שווערסטע יסורים. און איך האָב געטראַכט: אָ, וואָס וואָלט געווען, ווען איהר זאָלט וויסען אַז דאָ צווישען אייך געפֿינט זיך פּונקט אַזאַ אַפּיקורוס. ער איז אָבער אַ פּחדן, אַ פֿיינלינג, אַ פֿערשטעלטער... און אין דער מינוט בין איך אין מיינע אויגען געווען אַזוי אַראָפּגעפֿאַלען, אַז טרערען האָבען זיך אַ לאָז געטהון פֿון מיינע אויגען פֿאַר רחמנות צו זיך אַליין. באַלד אָבער האָט זיך דערהערט דאָס געצויגענע געזאַנג פֿון הייליגען קאָהר, עס האָבען אָנגעהויבען פֿלאַטערן די שוואַרצע קירכען־פֿאָהנען און דורך דער מענגע, וואָס איז ווי פֿערשטאַרט געבליבען, האָבען זיך בעוויזען צוויי שורות מאנאכען, אין דער מיט איז געגאַנגען אַ יונגערמאַן. ער איז געווען אָנגעטהון אין אַ ווייס העמד און אין אַ שאַנד־מיץ אויפ'ן קאָפּ. ווי אַזוי בין איך אין דער מינוט ניט געשטאָרבען! אָ, ברידער! דאָס

איז גע׳זוע׳ען ער, דאָס איז געווען מיין פריינד פעדראָ! זיין פנים איז ווי תכריכים — וויס געוועזן, אָבער דערפאַר האָבען די אויגען געברענט מיט אַ בעגייסטערונג-פייער, מיט אמונה און הימלישע זאנפטקייט. דער עולם האָט געשווידערט, און אָנגעהויבען צו פראָטעסטירען, און ווער עס דאָט פריהער גע׳וואָלט מען זאָל איהם אָנטהון די שווערסטע יסורים, האָט גישט-ווילענדיג געשלונגען די רחמנות טרערען. דורכגעהענדיג דעם פּלאַץ האָט ער מיך בעמערקט און האָט אויף מיר געוואָרפען צום אבשיעד אַ בליק, אָבער טאַקע נאָר איין בליק — ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוווייזען זיין בעקאַנטשאַפט מיט מיר און דערמיט מיך אַרויסגעבען... טיעף אין דער נשמה אַריין האָט מיך דורכגעדרונגען דער דאָזיגער בליק, און ער לעבט נאָך דאָרט, און עד היום ברענט ער נאָך... איך בין אָפּגעשטאָרבען... ווי אין חלום האָב איך געהערט אַ מין גערויש... ס׳איז שטיל געוואָרען און זיך וויעדער בעגייט. פלוצים האָט אין דער שטילקייט אַ דונער געטהון די לאַנג בעקענטע שטימע:

„שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, יְיָ אֱלֹהֵינוּ, יְיָ אֶחָד!“

איך האָב זיך ערוואַכט. עס איז אָבער שוין געווען שפּעט. איבער דעם ליעבען קאָפּ האָט זיך שוין געקרייזעלט אַ שוואַ-צער רויך... (פּאוזע)

דער ערשטער יוד: ביזט גלייך אַנטלאָפען צו אונז פון ליסאַבאָן?

קאַסטרא: איך האָב אין דער גיך אַלץ פערקויפט און בין אַוועקגעשוואומען קיין האָלאַנד. דאָרט האָט מיך ענדליך די יידישע שוהל פריינדליך אויפגענומען; דאָרט האָב איך התונה געהאַט און אַנאַניץ יאָהר האָב איך פערבראַכט אין שטילער רוה. איך האָב אָבער געדענקט דעם צוזאָג. וואָס איך האָב פעדראָ׳ן געגעבען. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מען קוילעט אונזערע ברידער אין דעם וויטען פּוילען. איך האָב מיך גלייך מיט מיין יונגער פרוי געלאָזען פליהען צו קעמפפען פאַר ליידענדע ברידער. מיט אַמאָל... אַ וועה! ווי בין איך איבעררראַשט געוואָרען!

דער ערשטער יוד: וואָס הייסט? דו האָסט געפונען אַז מיר ליידען ווייניג?

קאַסטרא: איך האָב ערוואַרטעט צו בעגעגנען העלדען,

קדושים, און האָב דערזעהן פּריצישע משרתים, דערשראָקענע, פֿער־שטויסענע, געמיינע און מיט פֿעראַכטונג געשטעמפּעלטע...

ר׳ אהרן: פֿאַר וואָס־זשע ביזטו צוריק קיין ליסאַבאָן ניט אַוועק געפֿאָהרען?

קאסטרא: ווייל איך האָב געליעבט די אונגליקליכע, און דער צו האָט אַ געהיימע שטימע אין מיין האַרץ גערעדט: „ניין, אַ לייב, אַ ביבלישער לייב קען ניט ווערען קיין האָז!“... איך האָב מיך גע־וואָרפֿען, האָב געצאָרענט, געקאָכט און זיי איבערציינגט. און גאָט האָט מיר צוגעהערט און געוויזען אַ נס. די קאָזאַקען האָבען בעלאַגערט טולטשין. אַלס געניטער אין קריעג־קונסט, קוק איך נאָך די בעלאַגע־רונג. די שלאַכטיטשען, זעה איך, קענען ניט ביישטעהן, ווען זיי האַלטען שוין גאָר שמאָל, קום איך גלייך צו פֿליהען מיט אַ מחנה יודען זיי צו הילף. יעדען טאָג איז זיי די הילף טייערער און נויטיגער. און אָט האָבען מיר געשלאָסען אַ פֿערבינדונג און די פּוילישע פּריצים רופֿען אייך ברידער. ווייל אין אייערע הערצער האָט זיך ערוואַכט אַ דרייסטיג־קייט און מוטה. אין דריי וואָכען צייט האָט איהר צוריקבעקומען דאָס וואָס דער פֿיעל הונדערט־יאהריגער גלות האָט ביי אייך גערויבט: די אַכטונג! אַלע אוקראַינער יודען וועלען זיך צוזאַמען מיט די שליאַכ־טיטשען בעוואָפֿענען און מיר וועלען זיעגען! נאָך דער מלחמה וועל איך פֿאָהרען צום קעניג, און ער וועט אונז געבען אַ געקרוינטען פֿיהרער. פֿון איין פֿונק, וואָס האָט זיך אין טולטשין אויפֿגעבלאָזען, וועט זיך צוגיעסען אַ ליכטיג פֿייער איבער דער גאַנצער וועלט, עס וועלען זיך אומקעהרען צוריק די צייטען פֿון די שטאָלצע מַכַּבִּייער, דאָס פֿאָלק ישראל וועט פֿייערען אַ צווייטען יציאת מצרים...

(הינטער דער סצענע הערט זיך אַשטימע: לאָזט אַריין, דאָ איז מיין יוסף!)

קאסטרא: מיין פֿרוי!

(עס קומט אריין שרה, איהר פֿערהאַלט אָבער דער שמש)

צווייטער אויפֿטריט

(די זעלבע און שרה).

דער שמש: מען טאָר נישט — אוועק! ביזט אַן אשה, ביזט טמא...

שׂרה: יוסף! אַנ'אונגליק איז געשעהן!

קאסטרא: אַנ'אונגליק?

שׂרה: די יונגע פירשטין האָט געהייסען לויפען צו דיר. דער פּאַן וויסאָצקי און דער יוד, וואָס איז מיט איהם צוזאַמען געגאַנגען, זענען אַריינגעפאַלען צו די שונאים אין געפאַנגשאַפט. דעם אונגליקליכען יודען האָבען די קאָזאַקען געטויטעט.

אלע: ברוך דיין אמת!

שׂרה: און דער פּאַן וויסאָצקי האָט זיך אומגעקעהרט אין פעסטונג, מיט איהם איז אַ קאָזאַקען-שליח. די קאָזאַקען פערלאַנגען, מען זאָל אַרויס געבען די יודען, וועלען זיי באַלד אַראָבנעמען פון שטאָדט די בעלאַגערונג. די פריצים זענען זעהר אויפגערעגט. מיר זענען ניט זיכער, אַז זיי זאָלען אונז ניט פערראַטהען.

ר' אהרן: גאָט גרייט שוין צו די פערדיענטע שטראַף אויף די זינדיגע קעפּ.

שׂרה: היינט ביי-טאָג דאַרף זיך אין פּאַלאַץ אַ גרויסער ראַטה פערזאַמלען.

קאסטרא: דערווייל, הייסט עס, איז נאָך נישט בעשלאָסען אונז איבער צו געבען?... וואָס אָבער זענט איהר ברידער, אַזוי טויד־בלייך געוואָרען? איך וויים: דער פירשט איז אַ מענש מיט יושר... אַזוי הייסט עס! זיי ווילען אונז איבער געבען, ניין, שפּעט שוין האָבען זיי זיך געהאַפּט! דאָס לייבעלע האָט שוין נעגעל בעקומען, נישט אַזוי גיך וועט איהר איהם שוין אין העהל אַריינקריגען... קענט איהר מיר, ברידער, אַ שבועה געבען, אַז איהר וועט זיך פערטיידיגען ביז'ן לעצטען טראָפּען בלוט?

שמעון (נאָך אַ ווײַלע שווייגען): וואָס קענען מיר פערליערען? אין נעמיראָוו האָבען זיך יודען נישט פערטיידיגט, וואָס האָט געהאָלפען? — האָט מען זיי לעבענדיגערהייט די הויט אַראָב געריסען.

קאסטרא: אויב אַזוי, קומט גיכער אין פעסטונג! און זאַמעלט אויף ביי די טויערען דאָס גאַנצע וואַכט.

(אַלע, אויסער דעם רב, געהען-אַוועק אונבעשלאָסענערהייט).

דריטער אויפטריט.

ר' אהרן (אליין) וואוהין? וואוהין? **אום שבת! — זיי זענען** אוועק. ער האט פערדונקעלט זייערע מוחות. איך בין אבער אליין שולדיג — פאר וואס האב איך אזוי לאנג געשוויגען; נאר גענוג שוין! מען דארף אנהויבען טראכטען וועגען עווינקייט — איך וועל אנגורטען זיך אין נאמען מיט מיינע לעצטע כוחות און וועל מציל זיין דאס פאלק ישראל פון דעם דאזיגען שגעון. (פארהאנג)

צווייטעס בילד.

(א גרויסער זאל אין פירשט טשעטווערטינסקי'ס פאלאץ, ביי'ן פענסטער זיצט די פירשטין זאיא מיט מאגדוסיע'ן).

ערשטער אויפטריט.

מאגדוסיא: אבער דער גלה וויים, אז דו האסט ליעב דעם יודען?

די פירשטין: איך האב איהם ליעב? דאס וויים איך אליין ניט.

מאגדוסיא: דו רעדסט דאך איצט וועגען איהם טאג און נאכט.

די פירשטין: א, מיין קינד, מיין קינד!... איך געדענק, א מאל איז צו אונז געקומען איינער א זינגער. דאס איז נאך געוועזען, בשעת איך האב געוואוהנט אין דער היים. אויפ'ן ברעג פון מיין ליעבער לואַרע. (א, ווי בענק איך נאך יענע ערטער!) ארום דעם זינגער, אין דעם אלטען גרויסען זאל, האבען מיר זיך אלע ארומגעקליעבען און דעם אטהעם פערהאלטען: ער האט געזונגען פונ'ם זיעסען צער פון ליעבע. מיט א מאל האט זיך אין שטילקייט, געהערט א יאמערי; איך האב זיך פאנאנדערגעוויינט. „וואס וויינסטו, מיין קינד?" — האט מיך געפרעגט דער זינגער. — „איך וואלט חשק געהאט אזוי צו ליעבען, ווי דו זינגסט", האב איך געענטפערט. האט ער מיר פערזארגט געענטפערט: איך האב אויף דיר רחמנות, מיין קינד. — דיין מזל וועט שוין זיין א טרויעריגער: שטערבען צו אזא מין ליעבע איז אהן א תכלית...

מאגדוסיא: דו האסט שוין פיעל מאל געליעבט?

די פירשטין: איך האָב פיעל מאָל געוואָלט ליעבען... עס איז מיר אָבער זעהר שווער צו דערצעהלען וועגען דעם.

מאַגדוסיא: האָב קיין פאַראיבעל ניט... עס ווילט זיך מיר וויסען די סבות (שטילערהייט). דו ביסט נאָך אַזוי יונג... און דיין מאַן. איז אַזוי אַלט...

פירשטין: אָ, מיין ליעב-מיידעלע! די זאַך איז גאָר אָהן סודות. גראָהע האָר זענען צייטענווייז אַנגענעהמער, אַלס אַ רויט געזיכט אוי די שערנסטע לאָקען פון אַ כּרוב... דער פירשט — איז איינער כו די בעסטע מענשען. אַז איך האָב איהם דערזעהן איז ער מיר ליעבער געווען, ווי אַלע שענע יונגע לייט פון רוים (וואו איך בין דאַן מיט מיין מוטער געווען, יונג שיידענדיג זיך פון מיין שענער פראַנקרייך) איך האָב געמיינט, אַז ענדליך זענען מיינע פאַנטאַזיען פערווירקליכט געוואָרען. ער האָט אַזוי זאַנפט גערעדט... אַזוי פריינדליך געקוקט, און זיינע בליקען האָבען מיך ווי געגלעט... היינט זיין קלאָרער פערשטאַנד און זיין לויטער האַרץ... ער איז נאָך איצט מיר זעהר טייער, אָבער אין מיין האַרצען האָבען אַנדערע סטרונעס שטאַרקער גענומען קלינגען...

מאַגדוסיע (קוקענדיג אין פענסטער) עס געהט דער, וואָס האָט זיי בעוועגט שטאַרקער צו קלינגען.

די פירשטין: זעה, ווי טרויריג ער איז.

מאַגדוסיע: טרויער איז דער זיעגעל פון ליעבע. (זי לויפט אַוועק, די פירשטין מאַכט אַ טריט צום טהיר, קאַסטרא קומט אַריין).

צווייטער אויפטריט.

(די פירשטין און קאַסטרא).

די פירשטין: מיין בלייכער פריינד! שטאָלצער שפּאַניער! אָבער וואָס איז מיט דיר אַזוינס געשעהן? דיין שטאָלצער בליק פינקעלט מיט אַ פערלדיגער טרער. דו וויינסט, אָדער ביזט קראַנק?

קאַסטרא: קראַנק... ספיקות הייסט מיין קרענק. הייל מיך, אויב דו קענסט.

די פירשטין: מיט ספיקות... אָבער אין וואָס האָסטו אָנגעהויבען צו צווייפלען?

קאַסטראַ: אין דעם, אַז מענשען זאָלען טריי בלייבען אויף שטענדיג, אַז ווען עס קומט־אָן אויף זיי אַן אונגליק, זאָלען זיי ניט פֿאַרגעסען אין דער ערע, — יאָ, מיין פֿרוי האָט מיר עפּעס אַ שרעקליכע ידיעה איבערגעגעבען.

די פֿירשטין: זאָג נישט... אָבער ניין, — די זאָג פּאַסט דיר אַזוי צום פּנים, דו ביזט איצט אַזוי שען...

קאַסטראַ: זאָג מיר: איז דאָס טאַקי מעגליך, אַז וויסאָצקי האָט אונז פֿאַרראַטהען? און וואָס זאָגען די פּריצים? זענען זיי בייז דאַרויף? און נאָך וואָס האָט ער אונז איבערגעגעבען אָהן אַ שום ציעל? טרייסט מיך, פֿערזיכער מיר, אַז ער איז שוין פֿון לאַנג אַן אויסוואורף, אַ חיה רעה, אַ בושה פֿאַר זיין לאַנד... וועלכע מעשים רעים האָט ער שוין אָפּגעטהון, אָדער ניין — וועלכע האָט ער נאָך נישט געטהון? דו לאַכסט?

די פֿירשטין: דו טרייבסט־איבער, מיין פֿריינד. וויסאָצקי — אַ חיה רעה? ער — אַ אויסוואורף? אָ, ניין. ער איז אין גרונד גאָר ניט קיין שלעכטער מאַן. קאָנסט איהם ניט. ער איז אַ מענש מיט אַ שטאַרקער פֿאַנטאַזיע און מיט אַ שוואַכען ווילען; ער טרינקט אויס צוויי גלעזלעך בראָנפֿן און איז שיכור, ווי פֿון צעהן גלעזלעך. ער איז ניט שלעכט און ניט גוט. ווי עס פֿאַלט איהם אַריין אין קאָפּ, אַמאָל איז ער וויך ווי אַ שעפּעלע, און אַמאָל איז ער גרויזאַם ווי אַ ווילדע חיה. ער איז אַ שרייער, אַ שיעסער, אַ גאַנץ־וואהלער יונגערמאַן, אייגענטליך. מיט'ן מויל וואָלט ער מיט דער גאַנצער וועלט מלחמה געהאַלטען. ער איז אַ העלד ווען ער שרעקט דעם טערק מיט מלחמה, נאָר נאָך מעהר העלד איז ער טאַנצענדיג אַ מאַזורקע... זאָל ער אַ מאָל איין שונא הרגנ'ען, אָדער איין האָז, אין אַ יאָהר אַרום ווערט אויסוואַקסען די צאָהל פֿון די דערהרגעטע ביז הונדערט...

קאַסטראַ: אָ, אַז דו וואָלסט געהערט, ווי אַזוי זיי האָבען פֿריהער פֿערזיכערט און געשוואָרען! מיר גלויבט זיך ניט! קען דען זיין אַז טאַקי אַלע? איז גאָר קיין אויסנאַהם נישטאָ? און דער פֿירשט אויך?

די פֿירשטין: ניין, דער פֿירשט ווערט איך צום שונא ניט

איבערגעבען, פֿערטהיידיגען וועט ער אייך אָבער אויך ניט. ער איז שוואַך, חאָטש ער איז איין אָפּענהערציגער.

קאסטרא: דיך וועט ער געוויס פֿאָלגען...

די פירשטין: יאָ ער איז געליעבט פֿון זיין געהאָרכזאַמער וואַכט, און ער אַליין פֿאָלגט נור זיין געליעבטער פֿרוי.

קאסטרא: מיין צונג געהט ביי מיר ניט צו געבעט. איך בין דערצו קיינמאָל ניט געוועהנט געוואָרען, איך קען ניט אויסשפּרייטען די הענד און בעטען זיך רחמים ביי מענטשען. איך האָב שטענדיג געמיינט, אַז דאָס לעבען איז אַ פֿרייער פּלאַץ, וואו יעדער קומט און נעהמט דאָס וואָס ער קען; איצט אָבער בין איך ווייכער געוואָרען. גיב אַ קוק: איך בעט: זאָלסט אונז שוינען! דו ווייסט דאָך, אַז מיר זענען אונשולדיג. מען וויל אונז מיט אַ פֿערראַטהע אויסהרגנ'ען. אָ, האָב רחמנות! נעהם זיך אָן פֿאַר אייער עהרע, אויב אונזער לעבען אַרט דיך נישט. דו ביסט אַ פֿרוי — דיין האַרץ איז ריהרענד צו געבעט. הער־זשע צו די קרעכצען פֿון די הונדערטער מוטערס. עס הענגט שוין דער שווערד אויף די קעפּ פֿון זייערע קליינע קינדער. די טעכטער זייערע וויל מען בעליידיגען און רויבען זייער עהרע. אָבער ניין! ניט זיי און זייערע קינדער טהון מיר באַנג. ווער עס האָט דאָס גאַנצע לעבען געציטערט, ווי אַ הונד אונטער'ן שטעקען, פֿאַר יענע איז דער טויט אַ ישועה. מיר טהוט לייד דאָס פֿאָלק, מיין אונגליקליך פֿאָלק! שוין לאַנגע דורות זינט ער וואַרט אויף אַ צופֿאַל, אַז ער זאָל קענען אַראָפּוואַרפֿען פֿון זיך דעם פֿערשאָלטענעם יאָך, וואָס לאַסטעט אויף איהם אַזוי שווער, און גאָט האָט צוגעשיקט אַ צופֿאַל, פֿין ווייטע לענדער האָט ער מיך אַהער געשיקט צו ערפֿולען מיין הייליגע שליחות. איך האָב אַזוי געאײלט, און איצט... אַז די איצטיגע מינוט זאָל ניט אויסגעניצט ווערען, זאָל אַוועק געהן אין גאָר־נישט, וועט שוין אַזאַ צופֿאַל אפשר זיך קיינמאָל ניט אומקעהרען. אָ, ווען דו זאָלסט וויסען צו אַ וואָסער־ברעג איך האָב מיין שיף געפֿיהרט! ווי מוטהיג איך האָב זי געפֿיהרט, ווי אונבעזאָרגט! מיט וואָסערע פֿאַנטאַזיען איך האָב זי אָנגעלאָדען! מיט וואָסערע האָפֿנונגען האָב איך זי בעפֿליגעלט!... איך בין געשווימען שנעל, און איצט בלאָזט מיט אַמאָל אַזאַ מיאוס'ער ווינד... ראַטעווע מיך, זיי מיין אַנקער!

די פּירשטין: שטעה! בלייב אונבעוועגט! אָט אַזוי, אַזוי דאַרף אויסזעהן מיין העלד, מיין וואונדערליכער גאָט. צו וועמען איך זאָל זיך בוקען, די אויגען שווארץ ווי די נאַכט... די זעעלע העלער ווי דער טאָג... אָ, שרעק זיך ניט! דער מזל אַליין בעשיצט דעם העלד. ביזט בעסער און שענער פֿאַר די אַלע, וועלכע איך האָב ביז היינט געזעהן! דו ביזט ווי פֿון פייער בעשאַפֿען געוואָרען! דו ביזט אַ ליכטיגער שטראַהל, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין די דונקעלהייט פֿון אַ קבר... יוסף! מיר זענען ביידע איינס דעם אַנדערען זעהר נויטיג! איך וועל דיך ראַטעווען, אָבער ראַטעווע מיך אויך!...

קאַסטראַ: דיך ראַטעווען!

די פּירשטין: יאָ, מיין שונא איז גרויזאם און שרעקליך. מיין שונא איז שטאַרק, שטאַרקער נאָך פֿון קריוואנאס'ען... מיין שונא איז ווי דער טייוועל חיטרע. מיין שונא שרעקט זיך ניט אָב פֿאַר די העכסטע טהורעמס, פֿאַר די שטאַרקסטע ווענד. ער האָט מיר פֿיעל צרות פֿער־שאַפֿט. און דאָך איז ער מיר טייער, ער האָט זעהר פֿיעל שותפים. און דער ערשטער — ביזט דו!

קאַסטראַ: איך?

די פּירשטין: יאָ—דו! דיין פֿערטרויערטער בליק, דיינע בע־וועגונגען, אַלע דיינע מיענעס. אָבער, איך בעט דיך, גיעב אַ שמייכעל און קוק ניט אַזוי שטרענג. זיי פֿריינדליכער, מיין שטרענגער העלד! רוף מיך אָן פֿריינדין, שוועסטער.

קאַסטראַ: ניט נור איך אַליין — דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס וועט געראַטעוועט זיין דורך דיר. אַלע וועלען דיך אַזוי רופֿען אַז דו וועסט אבווענדען דאָס אונגליק, וואָס וויל זיך איצט אַזוי גרויזאַם אַ־אָבלאָזען איבער אונזער קאָפּ.

די פּירשטין: דאָס גאַנצע פֿאָלק זעה איך ניט, אָבער יוסף'ס אויגען זעה איך פֿאַר מיר שטענדיג.

קאַסטראַ: דאָס פֿאָלק וועט דיך אַוועק־שטעלען אין איין שורה מיט אסתר המלכה, מיט דונה גראַציע.

די פּירשטין: ווי מ[illegible]דנע מיר רעדען... דו ביזט שעמעוודיג וועל איך דיר קומען צו הילף... (זי מאַכט אייניגע שריט. קאַסטראַ טרעט־אָב צוריק, אַ מינוט שטילשווייגען) ביזט דאָך אַליין צו מיר מיט אַ געבעט

געקומען, זאג: איז גרינג דאס בעטען זיך? און איך בייג זיך איצט פאר דיר! איך קום־אום! ראטעווע מיך! עס איז מיר זעהר ביטער! ריין און קלאהר בין איך אין דעם דאזיגען הויז אריינגעקומען, ווי דער שנעע אויפ'ן שפיץ־בארג. נאכ־עס בין איך מיט צרות און חרפה בע־דעקט געווארען. גלויב מיר, יוסף, אט דא אין הארצען ביי מיר שטעקט עפעס א בעזונדער־ע קראפט. ראנגלען זיך מיט איהר איז נאר אומזיסטע ליידען, די קראפט איז שטארקער פון שכל, עהרע און פפליכט... נאר א בליק פון שיינע ליעבע אויגען קען די קראפט בערוהיגען... אזוינע אויגען האב איך אבער ניט געפונען. איך האב שטילערהייט פערהאסט די אלע יעניגע, וועמען איך האב מיין פריינדשאפט פערשוענדט, און איך פערהאס זיי אויך איצט. נאר איין מאל האט זיך מיר געדאכט... אז אין דיינע ארעמס, ארומער ליידענדער, וואלט איך געקענט רוהע געפינען... דיין גייסט איז רעכטפער־טיג, ריינער פון דיינע אויגען קען ניט זיין, און דיין בלייך פנים לויכט מיט שעהנקייט... ליעב מיך!...

(זי נעהמט אים אן פארין האנד).

קאסטרא (שטיל): נאט זעהט אלץ...

די פירשטין: עס שרעקט מיך קיין זאך ניט, ער וועט דאך אונז ביידען בעשטראפען.

קאסטרא: און מיין שרה?

די פירשטין: פערגעס זי, ווי איך מיין מאן.

קאסטרא: ווי אזוי וועל איך קענען איהם בעטען ער זאל אונז שיצען פון די, וואס ווילען אונז פערראטהען, ווען מיין דאנק וועט זיין צוריק א פערראטהונג? האב איך דען דעם לעצטען שוץ אויך־פערלוירען?

די פירשטין: טראכט ניט פיעל! איך האב דיך ליעב!... די מינוטען שווינדען... קום! — און אוועק דאס שעמעריי...

קאסטרא: זיי מיר בעסער א שוועסטער, איך וועל דיר א ברודער זיין...

די פירשטין: מען געהט... א, דו האסט נור געקענט אנ'אנקער געפינען, אבער פערפעסטיגען עס מיט שטריק האסטו ניט געקענט.

(זי געהט אוועק. קאסטרא בלייבט שטעהן עטליכע מינוט שווייגענד, אונטער דער סצענע דערהערען זיך קולות, קאסטרא שטעלט זיך אוועק אונטער דער

קאלאנע, עס קומט-אַריין דער פירשט יאנוש טשעטווערטינסקי, די פריצים וויסאָצקי, סינעלסקי, סטרוס, זשובר און אַנדערע, דער גלח בעראלדוס און יוריוס.

צווייטער אויפטריט.

(דער פירשט, די פריצים, דער גלח בעראלדוס און יוריוס).

דער פירשט: ענדליך זענען מיר צוזאַמען, דער פאַן וויסאָצקי וועט אונז דערצעהלען, וואָס ער האָט געהערט און געזעהן.

וויסאצקי: חאָטש איך האָב ניט קיין טבע צו בעריהמען זיך פון דעסטוועגען מוז איך זאָגען, אַז דאָס וואָלט געט-אָפען מיט אַנ-אַנדערן פון אייך. וואָס מיט מיר האָט געטראָפען נעכטען, וואָלט ער שוין געוואָרען אַ קדוש... ווי נאָר איך בין מיט דעם יודען אָבגעגאַנגען אַ ווערסט אין פעלד, האָבען אונז די שונאים בעפאַלען מיט אַ גאַנצער מחנה. איך וועל אייך איצט אָפשווייגען פון דעם ווי אַזוי איך האָב זיך פערטהיידיגט. דערפון וואָלט אייך מיין זעבעל פיעל דערצעהלט, ווען ער וואָלט געקענט רעדען (ער ווענדעט זיך צו יוריוסע) איז אַזוי, קאָזאַק-לעבען?

יוריוס: אמת, אמת...

וויסאצקי: איך בין געוועזען איינער אַליין, און זיי — הונדערט, קומען מיר אין לאַגער. מילא דער יוד האָט זיך געהאַלטען, ווי עס פאַסט פאַר אַ יודען. באַלד האָט ער אויסגעזאָגט וואוהין מיר געהען און נאָך וואָס מיר גערען און וואו איך האָב אַפילו אין וועג אַ בלעטעלע בעהאַלטען.

שמעון: פערפלוכטער יוד! יודאַ-מסר!

וויסאצקי: נאָכדעם איז צו מיר צוגעשטאַנען דער אטאמאן: ווער איך בין? בין איך אַ צעקאָכטער געוואָרען — איהר קענט דאָך מיין נאַטור. „איך בין, זאָג איך, אַ האָנאָראָווער שליאכטיטש, פאַן וויסאָצקי, פאַר וועמען דו און דיין גאַנצע מחנה חלאָפעס דאַרפען שטעהן אָהן אַ היטעל און שטיל! און איהר זענט חלאָפעס, וואָס גאָט אַליין הייסט אייך אונז צו פאָלגען און טהון וואָס מיר הייסען!“... נו, נו — איהר קענט אייך שוין פאָרשטעלען, וואָס מיט זיי האָט זיך צו טהון מיט אַ מאָל!... זיי האָבען זיך נעבעך באַלד אָבגערוקט צוריק און גענומען קוקען אויף מיר מיט אַזאַ אָבשיי!... ניט אומזיסט האָבען די וויסאָצקעס אַ לייב אין הערב...

שטימען: אַ פויער איז ווי אַ קינד: שרייט־אָן אויף איהם ווערט עס רוהיג.

וויסאצקי: אמת, פּאַנען, אמת טאַקי! ווי קינדער זענען זיי רוהיג געוואָרען. חלילה, זאָגען זיי, מיט אייך פריצים האַלטען מיר גאָר נישט קיין מלחמה. אונזער שונא — זענען די יודען! גיעט אונז נור אַרויס די יודען וועלען מיר אַוועק געהן. אַז מענשען רעדען צו דער זאַך איז דאָך עפּעס אַנדערע ווערטער! האָט זיך, פערשטעהט זיך, ממילא באַלד אָנגעהויבען אַ פרעהליכע סעודה. און דעם יודען האָט מען אויפגעהאָנגען אויף אַ בוים. און גלייך האָב איך זיי געגעבען מיין דאָנאָר־וואָרט, אַז אין אַ צייט פון צוויי מעת־לעת גיעט מען זיי אַרויס אַלע יודען, מיינע הערען! וועט איהר מיך חלילה לאָזען איך זאָל בלייבען ביי די חלאָפּעס אַ ליגנער?

סינעלסקי (צו יוריוסען): מיר ווילען וויסען, וואָס רעכענען די קאָזאַקען צו טהון? וואָס דאַרפט איהר, דאָס יודיש גוטס, אָדער זייער נפש? אויב דעם נפש, קענען מיר ניט מרוצה ווערען, מיר מוזען און וועלען זייער לעבען פערטהיידיגען. נאָר אויב איהר וועט זיך בענוגענען מיט זייער גוטס אַליין, קענט איהר אייך נעהמען, דאָס וועלען מיר אייך ניט שטערען, זאָל נאָר נעהמען אַסוף צו דער אומזיסט׳גער שחיטה.

יוריום: געאַ־פּערטע פּאַנען! מיר זענען ניט קיין גנבים און קיין גזלנים־רוצחים. פרעמדס גוטס דאַ־פען מיר ניט. דאָס יודישע גוטס אָבער איז אונזערס, דאָס האָבען זיי אָנגערויבט ביי אונז, ביי אונזערע עלטערען און זיידעס. מיר ווילען נור אָפּנעהמען דאָס, וואָס איז אונזער אייגענס. זייערע נפשות שענקען מיר אייך.

סינעלסקי: אויב אַזוי זענען מיר מרוצה. דאָס גאַנצע יודישע פערמעגענס וועלען מיר אייך אַרויסגעבען, איהר דאַ־פט אָבער אונז געבען אַ שבועה, אַז דעם זעלבען טאָג וועט איהר באַלד אַראָפּנעהמען די בעלאַגערונג פון דער שטאָדט.

יוריום: אייך גלויבען מיר און מיר זענען גרייט צו שווערען, די יודען אָבער קענען מיר ניט גלויבען, זיי האָבען ביי אונז ניט קיין אמונה. מיר האָבען מורא, אַז זיי קענען נאָך זייער גאַנצע עשירות פערגראָבען אין דער ערד. עס וואָלט געווען אַ סך גלייכער, אַז זיי זאָלען אַליין אַ־ויס־געהן צו אונז צוזאַמען מיט דעם אויסקויף.

סינעלסקי: זאל זיין אזוי. ביי נאכט וועלען מיר פערנעהמען די טויערען מיט דער פריצישער וואכט.

דער פירשט: די וואכט לאזט איבער! צו מיר האט עס ניט. איך בייט ניט מיין ווארט און איך וואלט אויך דאס זעלבע אייך געראטהען.

בעראלדום: פאנען! דערמאנט אייך! די יודען זענען דאך בעוואפענט! עס וואלט אפשר גלייכער געווען, מיר זאלען זיי מודיע זיין, אז מיר האבען זיך אויסגעגלייכט מיט'ן פיינד. דאמאלס וועלען זיי אונז דאס געוועהר אומקעהרען. אבער מען מוז דאס וואס גיכער מאכען. איין מינוט — און די יודען וועלען זיך דערוויסען פון אלץ.

סינעלסקי: קומט גיכער, קומט! (די פריצים. אויסער דעם פירשט, שטעהען אויף פון די ערטער און לאזען זיך געהן צום טהיר. קאסטרא געהט ארויס פון הינטער דער קאלאנע און לאזט זיך נאך זיי).

צווייטער אויפטריט.

(די זעלבע און קאסטרא.)

קאסטרא: ווארט! שוין שפעט! זיי וויסען שוין אלץ!

סינעלסקי: פערפלוכטער יוד! פון וואנען האט ער זיך גענומען?

קאסטרא (ליידענשאפטליך) וואס זאגסטו? פאן סינעלסקי? געדענקסט דעם פריהמארגען, ווען דו האסט זיך מיט מיר דאס ערשטע מאל בעגעגענט. מיר האבען זיך דערוואוסט אז די קאזאקען דריקען אייך (איהר זענט געזעכט: פון אלץ דערוויסען מיר זיך באלד) — איך האב אין דער גיך אויפגעקליבען א מחנה יודען און בין געפלויגען אייך צו הילף, דער ערשטער, ווען איך האב אנגעטראפען, ביזטו געווען; דו ביזט זעהר געלאפען, חאטש דו ביזט מיעד געווען, פאר וואס, זאג מיר, האסטו דאמאלס ניט געפרעגט: פון וואנען האב איך זיך גענומען? א, דאמאלס האסטו מיך אנגעהאפט פאר דער האנד — דיין האנד האט געציטערט — און געלאפען צוריק.

סינעלסקי: אזוינס געדענק איך נישט!

קאסטרא: א, מיין גאט! ווי אזוי קען איך ווירקען מיט ווערטער אויף א מענשען, וואס האט ניט פערווארפען קיין איינציג גוט ווארט פאר זעכס טויזענד אונשולדיגע נפשות! פאר זעכס טויזענד

זיינע פֿריינד! ווי אַזוי קענסטו אונז פֿערטהיידיגען פֿון טודט, ווען דו ווילסט אונז אונבעוואָפֿענטערהייט איבער געבען אין די הענד פֿון גרויזאַמען פֿיינד! ווי עס ווייזט, איז דיין פֿעראַטה אַזוי גרויס, אַז דו האָסט אַליין פֿאַר דעם מורא און ווילסט כלומר'שט עס בעפּוצען מיט אַ מאַסקע... אָבער אויב איהר זענט טויב צום קול פֿון טרייהייט, יושר און כבוד...

סינעלסקי: איך בעט — שווייגען, ווען ניט וועט דער זעבעל מיינער דאָס בעטען...

קאַסטרא: זעהסט, ווי דו פֿיהלסט זיך בעליידיגט און בייז פֿון אַ וואָרט, וואָס דאָס איז דאָך נור דער שאָטען פֿון טהאַט, היינט ווי זאָל איך זיך שוין פֿיהלען בעליידיגט און דערצאָרענט פֿון דיין פֿערברעכערישער טהאַט? הער האָטש צו וואָס דער פֿערשטאַנד רעדט! נאָך אַמאָל: איהר האָט זיך געקענט לאָזען חאַפּען אין די נעטצען, וואָס די הלאָבעס האָבען פֿאַר אייך צעשטעלט? סטייטש, איהר האָט געקענט גלויבען דעם גראָבען שקר, וואָס לאָזט זיך אָנטאַפּען מיט די הענד?! זיי זענען געקומען נור מיט די יודען מלחמה האַלטען, אָבער ניט מיט די פּריצים! און וואָס האַבען געטהון זייערע עלטערען, זייערע ברידער? שוין הונדערט יאָהר זינד די קאָזאַקען בונטעווען, שוין הונדערט יאָהר זינד די שליאַכטיטשען שטילען זיי איין, און דאָך זענען די קאָזאַקען אַלץ נאָך אייערע פֿריינד?! אויף אַלע סיימען[1] דונערען וועגען דעם גאַנצע רעדען, אַלע העטמאַנען שרייבען אויף אייך גזרות און אַרבייטען דאָ מיט אַ גלעט און דאָ מיט אַ בייזער, דאָס חיל איז שטענדיג גרייט אונטער'ן וואָפֿען, דאָס לאַנד איז פֿערוויסט, די קלויסטערס ברענען, ווילען געדט צו גרונד — און דאָך זענען די קאָזאַקען אייערע פֿריינד? פֿריינד! פֿרעגט־זשע דעם פֿריינד אייערען קריוואָנאָס, זאָל ער אייך זאָגען, וואו איז ער ביז היינט געוועזען מיט זיין באַנדע, וואו האָט ער מעהר פֿון דער שליאַכטע די הויט געשונדען, וואו האָט ער מעהר פּוילישע גלהים געלאָזט הענגען: צו אין לאַדיזשן, צו אין בערשאָד, צו אין ווערהאָווקע? אָ מיין גאָט! מאַך קלאָר זייערע פֿערדונקעלטע, בלינדע מוחות! שוין־זשע זעהט איהר דאָ ניט דאָס פֿאַלש־

[1] אַ געזעצגעבונגס־אינסטיטוציע פֿון אַלאנד.

קייט זייערם? אַוודאי שטערט זיי וואָס די פּריצים האָבען זיך מיט די יודען פֿעראייניגט: שוין צוואַנציג טעג, אַז זיי בעלאַגערען די שטאָדט אָהן אַן ערפֿאָלג, אומזיסט; דעריבער ווילען זיי פֿריהער צורעכט מאַכען די יודען און נאָכדעם וועלען זיי שוין אייך אויך ניט שאַנעווען...

יוריום (שלאָגט איהם איבער): ער לייגט, דער יוד, מיר האָבען ניט קיין שום פֿאַלשקייט אין געדאַנק, מיר זענען אויף די פּריצים נאָר אין כעס דערפֿאַר, ווייל איהר האַלט איין האַנד מיט די יודען, און אויב דער פּאַן וויסאָצקי וואָלט אונז ניט מבטיח געווען, אַז איהר אַליין האָט די יודען ניט ליעב, וואָלט איך אַהער גאָר ניט געקומען.

וויסאָצקי: איהר הערט, פּאַנען — אַלץ האָב איך געמאַכט!

יוריום: די פּריצים זענען ניט אונזערע שונאים, אָבער דאָס יודישקייט קענען מיר ניט פֿערטראָגען, איהר ווייסט, מיר זענען אַ פֿרעהליך פֿאָלק: מיר האָבען ליעב צו הוליען, טרינקען, ווי דער שטיינער איז... פֿערזעהסטו אָבער נור איין מינוט — אַהאַ דער ניכטערער יוד איז דיר שוין אין קעשענע אַריינגעקראָכען, איידער דו גיעסט זיך אַ קעהר איז זיין האַנד שוין אין דער צווייטער. און וואו איז ער דען ניט? אויפֿ'ן אויוועז, אונטער'ן אויווען, אין קאַמער, אין קלויסטער, אין קרעטשמע — אומעטום זענען זיי פֿול! זיי קוקען מיט הונגעריגע אויגען, קלאַפּען מיט די הונגעריגע ציינער און פֿערשאַרען צו זיך אַלץ מיט די מאָגערע הענד. און מיר ליידען אַלץ ביז עס פּלאַצט ניט דאָס געדולד. דערפֿאַר אָבער רעכענען מיר זיך דערנאָך ביטער אָפּ מיט זיי! ווען נאָר די פּריצים וואָלטען זיי ניט פֿערטהיידיגט, וואָלטען מיר אייך געווען די איבערגעבענסטע קנעכט.

בעראַלדוס: ער איז גאַנץ גערעכט! די יודען האָבען גאַנץ פֿילען אונגליקליך געמאַכט.

סינעלסקי: שוין צייט פֿון זיי פּטור צו ווערען.

יוריום: פּאַנען! אויב איהר קלערט פֿערטהיידיגען די יודען, לאָזט מיך צוריק אין לאַגער. די טעג ערוואַרטען מיר, זאָל אַנקומען אַ גרויס חיל פֿון פּאלאוויאַנען, דאַמאָלס וועלען מיר מיט געוואַלד פֿון אייך די יודען אַרויסרייסען.

סינעלסקי: מיינע הערען! ווער געהט צו די טויערן?

שטימען: אַלע! אַלע — געשווינד! —
קאסטרא: פירשט, ביי דיר געשעהט אַ פערראַטה! אָ, רעטע!
דער פירשט: וואָס קען איך טהון? (עס לויפט אַריין די פירשטין).

פיערטער אויפטריט.

(די זעלבע און די פירשטין).

די פירשטין: וואָס איז דאָ פאַר אַטומעל?

קאסטרא (לויפט איהר אַקעגען): רעטע!

די פירשטין (צו סינעלסקי'ן): נעאַכטעטער פאַן! וואוהין פיהרסטו זיי אַלעמען?

סינעלסקי: צו בעפרייען די שענע פירשטין פון בעלאַגערונג.

די פירשטין: איך האָב ביז אַהער דיך געהאַלטען פאַר אַ ריטער.

סינעלסקי: און דו האָסט קיין טָעות ניט געהאַט.

די פירשטין: אַ ריטער האַלט שטענדיג וואָרט!

סינעלסקי: רעד נאָר אַרוים איין וואָרט — שטאַרב איך גערן!

די פירשטין: דו האָסט די יודען אַ וואָרט געגעבען צו פערטהיידיגען זיי — האַלט עס.

סינעלסקי: ערקונדיג זיך, אַז איך בין ווירקליך אַ ריטער: מיין אויפגעהויבענעס שווערד לאָז איך צו דיינע פיס פאַלען. דו ווילסט — ווער איך אַ פערטהיידיגער פון די יודען.

די פירשטין: איך דאַנקע. (צו וויסאָצקין) און דו, מיין גוטער פאַן...

וויסאצקי: איך לאָז אַראָפ דעם שווערד... איך האָב פיינד זיך צו בערירהמען, דו האָסט אָבער גערעטעוועט הונדערט אָדער צוויי הונדערט נפשות.

די פירשטין: מיינע פאַנען! איהר זענט אַלע ריטער'ס, ניט אֱמֶת דען? דער האָנער פון אַלטע שליאַכטיטשען בעלעבט אייך...

זשובר: ווי די האַררין וויל!

סטרום: דער האררינ׳ס אַ וואָרט איז היילינ.

דער פירשט (מיט אַ גוטען שמייכעל): אָ, מיין ריינער מלאך! זי איז נאָר אויף אַ רֶגַע אַריינגעקומען און אַלע הערצער זענען אַזוי וויך געוואָרען, ווי דורך אַ נֵס.

בעראלדום (יוריוס׳ן אין דער שטיל): ניט פאַל ביי זיך אַראב, קאָזאַק... האָב געדולד.

די פירשטין: אַזוי, מיינע פאַנען! אַבענד־צייט פערבעט איך אייך אויף אַ קליינער סְעוּדָה — פערשטאַרקען דעם שָׁלוֹם אייערען.

(אַלע נייגען זיך נידריג. דער פאָרהאַנג פאַלט).

צווייטער אקט.

ערשטעס בילד.

(אַ מאָנאַכען־קעליע אין טולטשינער קאַטוילישען מאנאסטיר, דער גלח בעראלדום און יוריוס).

יוריוס: ניין, פאָטער בעראלדום, ווייטער זאָל אַזוי זיין קען איך שוין ניט. שוין דריי טעג, אַז די חֲבֵרִים וואַרטען דאָרט אויף אַ תשובה. צו דולסטו מיר ניט גלאַט אַזוי מיט דיינע מַעֲשִׂיוֹת? היינט אַנטלויף איך אין לאַגער.

בעראלדום: האָב איך דען דיר ניט געזאָגט, אַז אַלץ ווענדט זיך אין דעם פירשט?

יוריוס: יאָ, איך זעה שוין, אַז אין איהם ווענדט זיך עס. די גאַנצע הויף־קאָמאַנדע פאָלגט איהם, ווי איין מענש, אָהן איהם ווֶלען די פְּרִיצִים גאָר נישט טהון — נו איז מיר שוין דערפון גרינגער? פריהער איז דעם פירשט אַלץ איינס געוועזען: יאָ אַרוֹיס־געבען די יודען, צו ניט אַרויסגעבען, איצטער אָבער שטעהט ער פאַר זיי שטאָל און אייזען, און זייער רב אָהן די פֵּאוֹת האָט שוין פערריסען דעם קאָפּ, אַזוי ווי דעם פאָפּ׳ס פערד. איך קעהר מיך זיכער אום צוריק אין לאַגער.

בעראלדום: האָב איך דיר דען אויך ניט געזאָגט, אַז דער פירשט טהוט אַלץ, וואָס נאָר די פירשטין פערלאַנגט.

יוריום: ניט דערמאָהן מיר די פירשטין, מיט דיינע מַעֲשִׂיּוֹת האָסטו מיר נעבראַכט דערצו, אַז איך קען ניט עסען, אַז איך האָב פערלוירען דעם שלאָף.

בעראלדום: ניט אֱמֶת, פאַן וואָינאַ. איך האָב דיר וועגען דער פירשטין זיכערעס, פּאָזיטיוו, נאָר נישט געזאָגט, אַז די פירשטין, אַ שטיינער, איז אַזאַ און אַזאַ; פאַר אַזעלכע זאַכען וואָלט איך פערדיענט שמיץ מיט אונזער בייטש איבער דער פלייצע און אַנדערע ערטער. איך האָב נור געזאָגט וועגען אידהרמיין הַשְׁעָרָה, פּרעפּאָזיטיוו, אַז אַ סך פרויען, אויף וועלכע זי איז עהנליך, האָבען געקענט זיין אַזוינע און אַזוינע.

יוריום: איך קען ניט וויסען וואָס דו האָסט דאָרטען געזאָגט, איך וואָלט אָבער, דאַכט זיך, פערמַשְׁכּוֹנ'ט מיין נְשָׁמָה ביין שוואַריך יאָהר, וואָלט טאַטע־כאַמע פערקויפט, איך זאָל זי נור איין מאָל קענען איהר אין די אויגען רופען ליובע. —

בעראלדום: אַז מע זאָל נעהמען די זאַך בִּכְלַל, איז יונגע פרויען, וואָס שטעהען אין דער פירשטינס שטאַנד, קען ניט זיין אונאַנגענעהם צו הערען דאָס דאָזיגע וואָרט פון אַ שענעם יונגען־מאַן; אָבער בעמערק, אַז איך זאָג עס בכלל generaliter אָבער ניט ad hoe.

יוריום: ריאַסא איז גערעכט געווען בשעת ער האָט מיך געוואָרענט, איך זאָל זיך ניט אָנטשעפען אָן אַ קליידעל.

בעראלדום: און דו האָסט שוין געפרופט, ווען די פירשטין איז דאָ דערביי, צו בענוצען אַזעלכע מִינֵי ווערטער, ווי דו האָסט ערשט דערמאָהנט?

יוריום: וואָס רעדסטו, הייליגער פאָטער, איהר אין די אויגען וואָג איך נישט אַפילו דאָס מויל צו עפענען, איך וואָלט אפילו ניט געוואַגט צו אַטהעמען, נאָר זי גיעט אויף מיר אַזאַ קוק און שמייכעלט אַזוי, אַז יעדעס מאָל ברענט מיר דאָס פָּנִים. נעכטען האָט זי מיך געפרעגט: ווער איך בין אַזוינער: צו אַ פּראָסטער קאָזאַק, צו אַ שליאַכטיטש.

בעראלדום (אונרוהיג): און וואָס האָסטו איהר געענטפערט?

יוריום: איך האָב איהר דערצעהלט אַלץ: אַז איך בין אַ

רוסישער שליאַכטיטש, אַז מיין פֿאָטער איז געווען אַ קאָזאַקען פּאָלקאָווניק, אַז מען האָט מיר אָפּגעגעבען אין לעמבערג אין אַ שוהלע, אַז איך בין פֿון דאָרטען אַנטלאָפֿען אין שוין צוויי יאָהר, אַז איך פֿערברענג פֿרעהליך צווישען די קאָזאַקען.

בעראלדום: דו האָסט זעהר גוט געטהון, וואָס דו האָסט איהר אַלץ דערצעהלט.

יוריום: איך בעט דיך אין גאָטס נאָמען, וואָס קוקט זי אַזוי אַזש זי נעהמט דורך די נְשָׁמָה?...

בעראלדום: אַז איך זאָל דיר בעשטימט ענטפֿערען אויף דיין פֿראַגע, וואָלט עס געהייסען asseveratio; אָבער דאָס, וואָס איך וועל דיר זאָגען וועט נאָר זיין אַ וואַהרשיינליכקייט אַליין. פֿיעלע יונגע פֿרויען, אַז זיי האָבען חֲתוּנָה מיט אַלטע לייט, אָדער אַזוי מיט מיני שלעק, זענען זיי די ערשטע צייט דורכגענומען מיט דעם געדאַנק, אַז זיי מוזען ערפֿולען זייער חוב און זיי בלייבען צנועות; אָבער אַז דער טייוועל בעזיעגט זייער גוּף, ווערען זיי די גרעסטע בַּעֲלֵי־עֲבֵרָה'ניצעס. מען קען זיי לייכט ערקענען נאָך זייער פֿלינקען בליק, וואָס איז שעמענדיג און פֿרעך צוזאַמען, נאָך זייער ציטערענדען געלעכטער און דאָס בעזאָנדערע ציהען פֿונ'ם קערפּער. מיט איינער אַזאַ בַּעַל־עֲבֵרָה'ניצע האָט דער גייסטליכער מעהר אַרבייט, ווי מיט אַלע פֿרויען פֿון דער עפּאַרכיע צוזאַמען. פּאַטשערעס און תְּפִילּוֹת ווירקען אויף איהר ניט, וואָרום מִתְוַדֶּה זיך זיין איז ביי איהר אויך אַ פֿערגעניגען ווי זינדיגען, אַלע טאָג ברענגט זיי נייע פּעקליך עֲבֵירוֹת; דאָ האָט זי זיך פֿערליעבט אין אַ צאַרטען פּאַניטש, וואָס איז ערשט אַרוים פֿון די קינדישע יאָהרען, דאָ אין אַ שִׁכּוֹר מיט וואָנסען, דאָ אין אַ געזונדען הייַדעמאַק, און דאָ אין אַ יודען מיט שוואַרצע אויגען.

יוריום (חאַפּט זיך פֿאַר'ן קאָפּ): איך פֿערשטעה, איך פֿערשטעה אַלץ. זי האָט ליעב יענעם רב; אָט פֿאַר וואָס זי האָט די יודען פֿערטהיידיגט!

בעראלדום: איך האָב נישט גערעדט פֿון די פֿירשטין און נישט פֿון דעם רב, דאַריבער הייסט מיין אויסדריינגען sillogismus vagus.

יוריום: אין גאָטס נאָמען, אינ'ם נאָמען פֿון אַלע קדושים, גיעב מיר אַן עצה, פֿאָטער בעראַלדוס, ווי אַזוי זאָל איך צוקומען צו דער פֿירשטין. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געשלאָפֿען, דאָס בלוט האָט מיר אין קאָפּ געזעצט און איך פֿיהל, אַז איך געה־אַראָפּ פֿון זינען.

בעראלדוס: דו פֿרעגסט אַן עצה, אָבער עצות זענען דאָ פֿיערליי: consilium, persvasio, exhartatio און incitatio. פֿון די אַלע פֿיער וועל איך דיר איינע אויך ניט געבען, פֿאַר מורא צו זינדיגען, אָבער איך קען דיר ניט אָבזאָגען פֿון צו שמיעסען אַביסעל גלאַט אַבסטראַקטיש. פֿאַוועל פֿרעגט פּעטרע'ן, ווי אַזוי זאָל ער בעהערשען פּאולינע'ס האַרץ. בעמערק: איך רעד דאָ וועגען אַ פֿרייווילליגע ליעבע, וועגען fornicatio, אָבער ניט וועגען sturpum. דערויף ענטפֿערט פּעטער: אויב פּאולינע געהערט צו די קאַלטע נאַטורען און זי איז אַ טהעטיגע און אַן אויסגערעכענטע, דאַרף מען זיך זעהן איינ־האַלטען פֿון יעדער גראָבהייט און געוואַלדהייט; אויב זי איז אָבער אונזיטליך, פֿויל און ליידענשאַפֿטליך, דאַמאָלס איז דאָס פֿאַמעליך־געהן שעדליך. פֿאַר אַזאַ פֿרוי איז פֿיעל אננגענעהמער דער יונגערמאַן, וואָס ווייזט זיך אונטער דעם שלייער פֿון נאַכט, איידער יענער וואָס קומט ביי טאג צו זעהן זיך, און אַ מאַנסביל, וואָס קריכט אַריין דורכ'ן פֿענסטער (ניט מיין אַז איך גיעב דאָ אַ רמז אויף דעם בעוואוסטען פֿענסטער אין גאָרטען) האָט תמיד מעהר ווערטה פֿאַר יענעם, וואָס געהט אַריין דורכ'ן טהיר....

יוריום (שפּרינגט־אויף): גענוג, גענוג, זיך האָב אַלץ פֿערשטאַנען, זיי געזונד, פֿאָטער בעראלדוס. אַ נס אָדער אַ ... ת! (ער לויפֿט אַרויס).

צווייטער אויפֿטריט.

בעראלדוס (שרייט איהם נאָך): אָבער — איז פּעטער מוסיף, מען מוז שטענדיג זיין פֿאָרזיכטיג... (ער געהט־אוועק פֿון טהיר) ער הערט ניט, דאָס הייסע בלוט האָט זיך צוקאָכט. אַזוי איז שוין בעשאַפֿען געוואָרען די וועלט. צוליעב דעם חטא פֿונ'ם אַפּיקורס ווערען ניצול אַ סך צדיקים. אָבער ווי פּשוט ער איז! איך בין גרייט צו שווערען, אַז ביי די פֿויערען אין געדאַנקען איז ניטאָ קיין פֿאַלשקייט. ספֿקות איז אַ טייערע מדה. דער צווייפֿלער איז געגליכען צו אַ זעהענדיגען צווישען

בלינדע, אָבער, אַז דאָס צווייפֿלען געהט שוין איבער דעם גרענעץ פֿון שכל און זעהט אומעדום נאָר פֿאַלשקייט און רמאות, ווערט עס שוין אַליין בלינד. (עס קומט אריין א קלויסטער־יונגעל)

דאס קלויסטער יונגעל: פֿאָטער, צו דיר איז געקומען דער הערר פירשט.

בעראַלדוס: פֿיהר איהם אַריין. (דאָס יונגעל אָב. אין עטליכע ווײַלע אַרום געהט אַריין דער פירשט).

דריטער אויפֿטריט.

(בעראַלדוס און דער פירשט).

בעראַלדוס: זיי געבענשט, מײַן זוהן, וואָס, ווידער האָט א יאָרג דײַן געזיכט בעדעקט מיט א חמאַרע.

דער פירשט: א חמאַרע קומט און געהט אַוועק, מײַן זאָרג אָבער האָט זיך אין מײַן זעעלע אײַנגענעסטן.

בעראַלדוס: וויים איך אויך פֿון איהר?

דער פירשט: די איז אַלעמען בעקאַנט, ס'איז א כלל־זאָרג. ערשט דרײַ טעג און וויפֿיעל יסורים! דו ווייסט, פֿון מײַן יוגענד אָן האָב איך שטענדיג גאָט געבעטען: אַז איך זאָל קיינעם ניט פֿערשאַפֿען קיינמאָל קיין ליידען, אַז מײַן לעבען זאָל פֿליעסען רוהיג, ווי א שטילער טײַך אין זײַן בעט. און גאָט האָט מײַן געבעט צו געהערט. איך האָב אָפּ־געלעבט מײַן וועלט רוהיג און שטיל. אַלעמען ליעב געהאַט און גע־ליעבט געווען פֿון יעדען. אויף דער עלטער האָט מיר גאָט צוגעשיקט, אַלס בעגלייטער, א מלאך מיט א ריינער נשמה, אָהן פּחד האָב איך זיך פֿאָרבערייט צום טוידט, פֿיהלענדיג, אַז איך האָב מײַנע פֿפליכטען אין לעבען ערפֿולט און מײַן געוויסען איז ניט פֿערפֿלעקט. נאָר זי אַליין מײַן טײַבעלע. האָט מיר באַנג געטהון... עס האָט זיך געמאַכט א פֿאָלקס־קריעג האָט אונז גאָט פֿון פֿע־צווייפֿלונגס־נענעל אַרויסגעהאָלפֿען: אַלע אײַנוואוהנער האָבען זיך אויפֿגעהויבען צום פֿערטהיידיגען זיך, מוטהיג איבער־אָנענדיג די לאַנגע בעלאַגערונג. מיט א מאָל האָט זיך בײַ אונז צום אונגליק בעזעצט דער פֿאַלשער גייסט פֿון פֿערראַטה און שנאה.

בעראַלדוס: ערפֿיל דאָס, וואָס עס פֿערלאַנגט דער כלל און עס וועט ווידער הערשען בײַ אייך די ליעבע.

דער פירשט: ערפֿולען — וואָס? וועמען זאָל איך פֿאָלגען, אַז

איך זיץ אין פּאַלאַץ רינגלען מיך אַרום די פְּרִיצִים מיט זייערע ווייבער. זייערע בַּקָשׁוֹת. פּאָרוואורפע און טרערען נעהמען מיר אַרויס די נְשָׁמָה. אוי, די פרויען! זיי וויינען אַזוי ביטער, זיי בעטען זיך אַזוי צו ראַטעווען זיי פון די גרויזאַמע לײדען, אַז אויך אין מיין ברוסט יאָמערט דאָס האַרץ. ווי נאָר אָבער איך געה אַרויס פון פּאַלאַץ, קוקען אויף מיר פון אומעדום יודען. אֱמֶת, זיי שווייגען, נאָר זייערע בליקען זענען אָנגעפולט מיט אַזוי פיעל געבעט, מיט אַזאַ מין פערצווייפלונג. אַז איך בעשווער זיך אַליין אין האַרץ, איך זאָל זיי ניט אונגליקליך מאַכען. היינט קאסטרא... ער איז אַזוי ריין און אַזוי ערהאַבען!

בעראַלדום: נאָר קען דען זיין, אַז צווישען דאָס געבעט פון דיינע אייגענע און די בליקען פון די יודען ווייסט דיין האַרץ ניט, אויף וועמעס צַד דו זאָלסט זיך שטעלען?

דער פירשט: איך ווייס נישט, פאָטער... אָ, וויפיעל עִנוּיִים איך האָב דערפון! אָ, גאָט, פאַר וואָס האָסטו מיך געמאַכט פאַר זייער אונווילענדיגען מיטעל-פונקט? צוויי שטורעמס פון מענשליכע לײדען האָבען זיך צוזאַמענגעשטויסען און האָבען זיך אָנגעקלאַפּט אין בלינדען צאָרן. און מיך האָט גאָט אַוועקגעשטעלט אויף דעם אָרט, ווי די צוויי שטורעמס בעגעגענען זיך. און זיי האָבען מיך, ווי אין דער מִדְבָּר אַ זייל זאַמד, אויפגעהאָבּט, אויפגעהויבען און געגומען מיך דרעהן און טרייבען מיך אום אַהין און אַהער. צוויי וועלטען פון מענשליכע לײדען האָט גאָט פאַנאַנדער-געוואויגען אויף צוויי אונגליקליכע וואָג-שאָלען און מיין האַרץ האָט ער געמאַכט פאַר אַ פיהלענדען ווייזער, וואָס דאַרף געבען צו וויסען דאָס געוויכט פון די ביידענס פעק, כדי צו בעשליסען, וואו איז מעהרער צָרוֹת און יסורים.

בעראַלדום: בעשליעס עס וואָס גיכער, ועסטו פערקירצען די יִסוּרִים.

דער פירשט: אֱמֶת, איך בענעהר אַליין זעהר שטאַרק אַ בעשלוס. זאָג מיר אוים דיינע אַלע בעווייזען און מיין אָפּגעשוואַכטער ווילען וועט זיך אויף זיי אָנלעהנען, ווי אַ הינקענדיגער אויף זיינע קוליעס, און וועט זיך לאָזען געהן צו דעם אָנגעצייכענטען ציעל.

בעראַלדום: דו ווינשט בעווייזען? זיי זענען דאָ אַזוי פיעל! איך וועל אָנהייבען דערפון, וואָס איך האָב אויף ריכטיג זיך דערוואוסט. אַז אויב מיר וועלען די יודען ניט אַרויסגעבען, וועלען די חלאָפּעס פון

אונז נישט אָפּטרעטען, ביז וואַנען פֿון אונזערע ווענד וועט איין שטיין נים בלייבען.

דער פּירשט: איז דאָס ריכטיג?

בעראלדום: בעטראַכט עס, אָט ווי אַזוי זיי מאַכען דעם חשבון: זיי איז כּדאַי צו וואַרטען דאָ מעהר מיט אַ וואָך, מיט צוויי, צו דריי און טאַקע מיט אַ חודש, אַבי נור ניט אַוועק־גערן מיט גאָר נישט. ווארום אַז די יודען פֿון אַנדערע ערטער וועלען דאָס דערהערען, וועלען זיי זיך אָבלערנען פֿון טולטשין און וועלען מיט מוטה זיך אומעדום בעוואָפּענען.

דער פּירשט: יאָ, ס'איז גאַנץ מעגליך.

בעראלדום: צו זיי געהט פּאלאוויאַן, אַנדערע וועלען אויך קומען, און טולטשין קען ווערען דער הויפּט־פּונקט פֿאַר אַן אונגליק, און ווער וועט אין דעם זיין שולדיג — אויב נישט דו אַליין! בעטראַכט זיך נור: קענען מיר נאָך לאַנג, די בעלאַגערונג אויסהאַלטען? מיר זענען אינוועניג אין פֿעסטונג, אָהן ברויט, אָהן בליי און קיין שום אַחדות צווישען אונז איז נישטאָ. די פּריצים פֿערזאַמלען זיך שוין אַלע נאַכט און סודען זיך.

דער פּירשט: דאָס האָב איך שוין אַליין בעמערקט.

בעראלדום: בּשעת־סכּנה ערוואַכט אין דעם מענשען די חיה רעה... דער שונא אָבער קען נאָך לאַנג וואַרטען. אומעדום, אין אַלע דערפֿליך, הויפֿליך און פֿאָרשטעדטליך וועלען זיי געפֿונען מיט־העלפֿער. אַלע פּויערען זענען גרייט זיי דאָס ברויט זייערס אַוועקצוגעבען און אַליין זיך שטעלען אין זייערע רייהען.

דער פּירשט: אָ וועה! דאָס איז אויך אַן אֱמת!

בעראלדום: אַלזאָ, נאָך אַזוינע צרות, נאָך אַזוינע יסורים, טרערען, מחלוקת, פֿאָרוואורפֿע פֿוןביידע צדדים, וועט זיך ענדליך דער שונא אַריינרייסען צו אונז. און וואָס וועט זיין דערפֿון? די יודען, וואָס זענען שולדיג אין די אַלע צרות, זיי אַליין וועלען דיר דאָס געביין אין יענעם טאָג פֿערשעלטען, און זיי וועלען זיין גערעכט... דער שונא, שרעקליך אויפֿגערייצט פֿאַר אונזער לאַנגען ווידערשטאַנד, וועט זיי נעהמען פּייניגען אויף דעם שוידערליכסטען אופֿן — אָבער איצטער איז זעהר

מעגליך, אַז ער וועט זיי אָפּלאָזען, פֿאַר אַ רייכען פּדיון. אָט זעהסטו אַליין, ווי מיט דיין פֿאַלש פֿריינדשאַפֿט מאַכסטו זיי נעבעך אונגליקליך.

דער פּירשט: מעגליך...

בעראַלדום: הײנט וואָס ערוואַרטעט אונז, אונז! דאַן וועלען מיר אַלע אויך אומקומען, אָבער איצט איז אַזוי לייכט צו ראַטעווען זיך. ווער האָט דיר געגעבען דאָס רעכט דיינע אייגענע ברידער איבער־געבען צום טויט, אָהן אַ שום נוין פֿאַר פֿרעמדע? איך בעט דיך זעהר זיי ניט גרויסמוטהיג און ניט מאַך אונגליקליך די יודען צוזאַמען מיט די פּריצים, זיי בעסער האַרטהערציג וועסטו די און יענע ראַטעווען פֿון טוידט.

דער פּירשט: ביזט גערעכט, גערעכט! אין די שלאַפֿלאָזע נעכט האָב איך אַליין די אַלע ראַיות אין זינען געהאַט און האָב זיך גע־הידושט: פֿאַר וואָס איז די אונטרייהייט, דער פֿערראַטה, אַזוי הייס, קלוג און רעדט אַזוי, אַזוי שען, און טרייהייט איז אַזוי אונבעהאָלפֿען, אַזוי דערשראָקען, זי שטעהט מיט אַנ׳אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ און שווייגט, בְּשַׁעַת איהר געגנערין מיט קלוגע גלאַטע ריידעליך נעהמט אין נעטיץ אַריין דעם פֿערשטאַנד און נאָר וועק־ניט־ווען מורמעלט זי שטיל: און דאָך הייסטו פֿערראַטה, און איך הייס — טרייהייט. אָ, דאָס איז אַ וואָרט!...

בעראַלדום: דאָס וואָס ביי די יודען וועט אויסווייזען אַ פֿער־ראַטה, וועט ביי די שליאַכטיטשען...

דער פּירשט (שלאָגט איהם איבער): אָ, ניט פֿערפֿיהר מיך! דער יוד איז טריי זיין גאָט, דער שליאַכטיטש איז טריי זיין עהרע. גאַנץ פּוילען וועט מיך שענדען. מען וועט זאָגען, אַז בְּשַׁעַת סַכָּנָה האָט ער דאָס וואָרט געגעבען און נאָכדעם איז ער פֿאַר שרעק קליינמוטהיג געוואָרען און האָט זיך געלאָזט ראַטעווען מיט דעם אונגליק פֿון די פֿריינד. איך וועל פֿערפֿלעקען מיין בעריהמטען יִחוּס און דעם זֵכֶר פֿון מיינע בראַווע אור־עלטערן. שאַנעווע מיין עהרע!...

בעראַלדום: אַוַדַאי שאַנעווע איך זי, מיין זוהן, און דערפֿאַר טאַקי בעט איך דיך: ניט האָב קיין מוֹרָא פֿאַר א פּוסטען קלאַנג! ווען דו וואָלסט די יודען פֿערראַטהען צוליעב נְקָמָה, אָדער אייגען־נוטץ, איז עפּעס אַנדערס — דאַן וואָלט איך אַליין דיך געררופֿען פֿעררעטהער דו אָבער מוזט עס איצט טהון צוליעב דיין הייליגען חוֹב. פֿערקעהרט.

די קומענדע דורות וועלען דיין אָפּפֿער אָפּשאַצען. אין דיין צווייפֿלען, קעמפֿען מיט זיך אַליין, וועלען זיי ערשט דיין גרויסע נְשָׁמָה פֿערשטעהן. ניט שרעק זיך פֿאַר די ווערטער: בעטרוג, פֿערראַטה, שֶׁקֶר... אֱמֶת. דאָס זענען זעהר מיאוסע, פֿינסטערע ווערטער, פֿינסטערער פֿון דער חמאַרע. גיעב אָבער אַמאָל אַ קוק אויפֿ'ן הימעל, ווען די זון נעהט אונטער, ווי אַזוי איהר פֿייער שטעכט־דורך די וואָלקענס און זיי פֿערוואַנדלען זיך גלייך פֿון דונקעל־גרויע פֿלעקען, וואָס האָבען דעם הימעל מיאוס געמאַכט, — אין עכטער שענהייט און פּראַכט, אין ברענענדיגע הימעלס־פּערלען; אַזוי איז אויך מיט דעם בעטרוג, פֿערראַטה און שֶׁקֶר, ווען עס פֿאַלט אויף זיי ווען ניט איז אַראָפּ דער אָפּגלאַנץ פֿון אַ הייליגען, גרויסען ציעל. דאַמאָלס פֿערוואַנדלען זיי זיך אין הערצענס־פּערלען און זיי זענען די בעסטע מַעֲשִׂים, וואָס מענשען קענען נור טהון. פֿערהאַן אויף דער וועלט אַ סַך אויפֿגעקלעהרטע, איבערהויפּט אין דייטשלאַנד, וואו דער טייוועל האָט זיך אַ נאָמען געגעבען ליוטער און האָט מענשען פֿערפֿיהרט. אָט דער טייוועל זאָגט, אַז דאָס ציעל מאַכט ניט כָּשֵׁר די מיטלען, אָ, בלינדע חֲכָמִים! משוגע זענט איהר! קוקט זיך צו אַרום אייך! בעטראַכט אונזער וועלט, וואָס איז פֿול מיט אַכְזָרִיוּת, זינד און געפֿאַלענהייט. איז זי דען ניט דורכאויס אַ נידעריגער מיטעל אין דעם בּוֹרֵא'ס הענד, אום צו דערגרייכען דעם העכסטען ציעל — צו רעטען דעם מענשען? ווארום אויב דער שקר וואָלט ניט געדיענט אַלס מיטעל, צו וואָס וואָלט איהם גאָט בעשאַפֿען? אַלץ אויף דער וועלט האָט גאָט בעשאַפֿען און אַלץ דיענט צו איין העכסטען ציעל. פֿאַר וואָס, אַז גאָט האָט געוואָלט פֿערטרייבען די מענשען פֿון גַן־עֵדֶן, האָט ער זיי דעם פֿאַלשען שלאַנג געשיקט? גאָט אַליין אַנערקענט ניט פֿריהער דעם צַדִיק, ווי ער פּרופֿט איהם ניט אויס דורך דעם שָׂטָן. היינט קען שוין דער שוואַכער מענש זיין אַ צדיק מיט הוילע צִדְקוֹת אַליין? די מוטער, ערציהענדיג אויף אַ גוטען וועג איהרע קינדער, מוז אַנקומען צום שֶׁקֶר און געוואַלדהייט. אַמאָל טאַקי צוליעב זייער טוֹבָה וועגען. אַ ריכטער, וואָס וויל דעם אֱמֶת דערגעהן, מוז זיך אָנטהון אין אַ מאַסקע פֿון פֿערברעכען און דרנאָדע אין אַ העמד פֿון אַ תַּלְיוֹן! אַזוי ווי דער גילדענער קרוין ווערט מיט אייזען געשמידט, אַזוי ווערט אויך דער אמת דורך דעם שֶׁקֶר בעשאַפֿען. אָ, אונגליקליכע בלינדע!

מיט זייער היהנערשען שֵׂכֶל וואָלטען זיי וועלען די נאַטור מְשַׁנֶה זיין. קען דאָס זיין, אַז דו ווילסט זיי נאָכטהון, מיין זוהן?

דער פירשט: דיינע ווערטער פערטרייבען פון מיין נְשָׁמָה די סְפֵקוֹת. אָבער בעווייז מיר וואו איז דאָ דער הויכער ציעל, צו וועלכען איך שטרעב: רעטען פון טוידט קען איך נור הונדערטער נְפָשׁוֹת און פערניכטען גאַנצע טויזענדער.

בעראלדום: ניט פאַר מיר, אַלטען נזיר, פּאַסט עס דאָס אירדישע לעבען אַנצורופען ציעל. וואָס איז מיר דאָס לעבען! דו זעהסט דאָך אַליין ווי טרויריג עס פליעסט דאָ מיין לעבען אין דער ענגער קעליע, ווי אַ קוואַל, וואָס רינט קוים ערגעץ אין אַ טיעף בעהאַלטענעם שפּאַלט. דער טויט איז דער איינציגער אויסגאַנג מיינער פונ'ם דאָזיגען שפּאַלט אין דער העלער ליכט, אויף אייביגער פרייהייט! דאָס אירדישע לעבען אַליין איז טאַקי ניט קיין ציעל, אַ ציעל איז אָבער דאָ אין לעבען, און דאָס ציעל בעשטעהט אין עֲבוֹדַת־הַבּוֹרֵא. וואהנענדיג צוזאַמען מיט אַפּיקורסים זענען מיר גאָטעס חַיִל. איך און דו און אַלע פּריצים, וואָס האָבען זיך פערשטעקט אין טולטשין, זענען נויטיג פיר דער אויפבליהונג פון דער קירכע. און ווער ווייס, עס קען זיין, אַז ווען מיר וועלען מיט די חַלאָפּעס שָׁלוֹם מאַכען וועלען מיר אויך זיי פאַר דער קירכע געווינען. דערמאָהן זיך ווי פיעל גֹיָמוֹת דו קאָנסט דערמיט פון אונגליק רעטען! וויפיעל קירכען קענסטו פערהיטען, מען זאָל זיי ניט מְחַלֵל זיין! מיט אַ מאָל וועסטו גאַנץ פוילען אויס־לעזען פון קריעג און מַחֲלוֹקֶת און דעם פריעדען, וואָס יעדער ווינשט איצט אַזוי שטאַרק וועסטו ברענגען אין לאַנד. קען דען זיין אַז דו האָסט אַזאַ הֲעָזָה דאָס אַלעס צו אָפּפּערן פאַר אַ הַבְטָחָה, וואָס דו האָסט די יודען געגעבען, פיר אַ פּוסטען קלאַנג? נעהמען אויף זיך אַזאַ שווערע אַחֲרָיוּת דאַרפסטו ניט און טאָרסט ניט!

דער פירשט (אויפהייבענדיג זיך פון אָרט): דו האָסט מיר מיט דיינע קלוגע רייד און בעשלאָסענהייט שוין אַביסעל צוּפיעל צוטומעלט. איך נעה איצט. ערגעץ אין אַ שטיל ווינקעל בעקלעהרען דיינע ווערטער, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך פיעל ערהאַבענעס. ווי ריכטיג דו בעווייזט, אַז ניט אַלע מאָל איז בעטרוג און שֶׁקֶר — אַ זינד, איך האָב אפילו דאָס זעלבע אויך צייטענווייז געקלעהרט, אָבער איצט, הערענדיג עס פון

דיר, איז דאָס ביי מיר ווי ניי. זיי געזונד, פֿאָטער. היינט וועל איך שוין די זאַך פֿעסט בעשליסען.

בעראלדום: גאָט זאָל דיך שיטצען! (פֿאָרהאַנג)

צווייטעס בילד.

(די סצענע שטעלט פֿאָר דער פירשטינס צימער, אַ פענסטער, וואָס געהט אין גארטען. די פירשטין דאַווענט. אין איינינגע מינוטען, נאָכדעם ווי דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף, בעווייזט זיך אין פֿענסטער יוריום'ס קאָפּ. באַלד נאָכדעם קריכט ער אַריין אין צימער).

ערשטער אויפֿטריט.

די פירשטין (פֿון גערויש קעהרט זי זיך אום און גיעט אַ געשריי). קאָזאַק!...

יוריום (פֿאַלט אַנידער אויף די קניה): כ'בין אין דיינע הענד, בעשטראָף מיך, צו בענגעדיג! סיי ווי סיי איז מיר אָהן דיר מיין לעבען קיין לעבען נישט, הייס מיר אַוועקגעהן, געה איך גלייך אַוועק, ניט זאָגענדיג קיין איין וואָרט.

די פירשטין (געהט צו צום פֿענסטער און קוקט זיך ארום): קיינער האָט מיט דיר זיך ניט בעגעגענט אין גאָרטען?

יוריום (הייבט זיך אויף): דאַכט זיך, קיינער ניט... הייסט עס, טרייבסט מיך ניט אַוועק?

די פירשטין (פֿערשפּאַרט דעם פֿענסטער און קעהרט זיך אום צוריק): ווי אַזוי האָסטו, קאָזאַק, זיך געוואַגט אַריינקריכען צו מיר אין פֿענסטער? און אַז איך וועל באַלד אַ רוף געבען די היידוקען... מען וועט דאָך דיך הרג'ענען.

יוריום: דערויף בין איך געגאַנגען: געלעבט אָדער געשטאָרבען...

די פירשטין (לאַכט): אָט דאָס איז כ'לעבען אַן אונערוואַרטעטער גאַסט, דו קאָנסט דאָך מיך אָבער גאָר נישט, דו ביזט דאָך ערשט דעם דריטען טאָג דאָ אין פעסטונג.

יוריום: ווי נור דו האָסט אויף מיר דאָס ערשטע מאָל אַ קוק געטוהן, האָסטו מיך אַזוי ווי אונטער־געשאָסען.

די פירשטין: און איך האָב נאָך געמיינט, אַז ער איז אַ שעמענ׳דיגער!

יוריום: איך ווייס — דו ביסט א פירשטין און איך בין אַ קאָזאק; איך אַליין וואונדער זיך, ווי אַזוי האָב איך געוואַגט אַהער זיך ווייזען, זאָגען, וואָס מיר האָט מוטה צוגעגעבען?

די פירשטין: וואָס?

יוריום: אַ גאַנצע נאַכט, אַ גאַנצע נאַכט חלומ׳סטו זיך מיר. אין דער פענסטער ביזטו צו מיר אין שטיבעלע אַריין, איך בין אויפ־געשפרונגען און האָב זיך צו דיר געוואָרפען. איך האָב זיך אָבער באַלד דערשראָקען. מיט אַמאָל הער איך ווי דו זאָגסט צו מיר: האָב נים קיין מורא, יוריום — זיי דרייסט! איך האָב זיך פענאַנדער געוויינט און האָב דיך אומגעאַרעמט... אוי, מיין ליובע, אוי מיין טייבעלע! איך וואָלט זיך געלאָזען הענגען אַ גאַנצען טאָג אויף אַ האַקען פאַר איין שעה אַזעלכע...

די פירשטין: דו, שריי ניט אַזוי, קאָזאַק!

יוריום: פריה בין איך פון שלאָף אויפגעשטאַ׳ען, ווי די זון איז נאָר אויפגעגאַנגען... און ביי דער ערשטער רגע האָב איך גע־וואָלט אָנזאָטלען דאס פערד און לאָזען זיך אין סטעפ: פליה פערדעלע, פליה מיין טרייעס! קלינג, דו ערד, בלאָז, דו פריהמאָרגענדיג־ווינטעלע און פעריאָג, צעבלאָז מיין צער. איך האָב זיך אָבער באַלד דערמאָהנט, אַז איך זיין גאָר אין פעסטונג, און בין אַרויס אין גאָרטען, אוי, איך שעם מיך צו רעדען.

די פירשטין (לאַכענדיג): אַ קאָזאַק׳ס בושה און וואַרעמער אייז זענען ברודער און שוועסטער...

יוריום: בין איך צו געגאַנגען אָט צו דעם פענסטער. איך זעה: ס׳איז אָפען! האָב איך פענאַנדערגערוקט דעם פאָ־האַנג און האָב דערזעהן ווי דו ליעגסט און שלאָפסט... דיין באַק האָט געפלאַמט, ווי דער פאַרב פון מאָהן־בלומען. דיין ברוסט האָט זיך אַזוי בעוועגט און די הענד זענען געווען אַזוי צעשפרייט... איך האָב זיך שיער הויך ניט פענאַנדער געוויינט... פון רחמנות האָט זיך אין מיר מיין האַרץ איבער־געקעהרט.

די פירשטין: פֿון רַחֲמָנות? דו האָסט מיטלייד געהאַט? פֿאַר וואָס?

יוריום (ליידענשאַפֿטליך): און איך האָב בעשלאָסען: ניין! דאָס טאָר איך ניט דערלאָזען — די טראַנטעס, די קאָזאַקען, טאָרען ניט בעליידיגען — אַזאַ שיינקייט! ניט זיי זאָלען מיט זייערע שמו׳צ׳ע גאָרגלען אָטהעמען אויף דיין פָּנִים! גיכער וועל איך מיך לאָזען טייטען, איידער איך וועל עס ערלויבען! איך זאָל אפילו אַ ניעדערטרעכטיגער טאָטער זיין!

די פירשטין: אָבער שטילער! וואָס פֿאַר אַ גאָרגלען? איך הייב נישט אָן צו פֿערשטעהן.

יוריום: עך, גאָר נישט!... (אַ פּאוזע) דו קלערהסט זיך: עט, אַ קאָזאַק... ניט מיין, איך בין נישט קיין קַבְּצָן. איך האָב גענוג שאָף און רינדער און ביהנען. אויף אַ באַרג, אַרום דעם דניעפּער, שטעהט מיין שטאַרקע נַחֲלָה, אַרומגערינגעלט מיט הויכע טאָפּאָליען. מיין אַלטע מאַמע ערוואַרטעט מיך דאָרטען...

די פירשטין: וואָס קעהר זיך מיט מיר אָן דיינע שאָף און רינדער און דיינע ביהנען.

יוריום: עך! זאָל זיין וואָס עס וועט זיין! אַז די קאָזאַקען וואָלטען געוואוסט, אַז איך האָב אויסגעפּלוידערט, וואָלטען זיי מיר די צונג אַרויס געריסען, אָבער מִסְתָּמָא איז אַזוי בעשערט. הער־זשע, מיין טייערע! די פּאַנען וועלען קיין האָניג נישט לעקען, וואָס עס זאָל זיך ניט טרעפען, צו מען וועט די יודען אַרויסגעבען, צו ניט, די פּאַנען זענען פֿערלוירען, מען וועט זיי אַלעמען אויסשניידען, — אַלעמען, ווי אויפ׳ן פֿעלד די זאַנגען!

די פירשטין: אָ, הייליגע מאַריע!

יוריום: שווייג, דיך אָבער קען איך ראַטעווען, אָדער ווילסטו מיך אֶפְשָׁר אַרויסגעבען? זאָג מיר, וועל איך גלייך אַ סוף מיט מיר מאַכען.

די פירשטין: לעג אַוועק דיין מעסער! ווי אַזוי קאָנסטו מיך רעטען?

יוריום: אויב עמיצער וועט אַ געשרעה טהון, אַז די קאָזאַקען

זענען אין פֿעסטונג, אַנטלויף גיכער אַהער אונטער'ן פֿאָר־האַנג און בע־האַלט זיך. איך וועל דאַן באַלד קומען צו לויפֿען, וועל זאָגען, אַז דו ביסט — מיינע, דאַמאָלס וועט דער אַטאַמאַן אונז ביידען בעפֿ־רייען.

די פירשטין: הייליגע מאַריע!

יוריום: דו ווערסט ווערען מיין ווייב, דער פּאָפּ וועט אונז מקדש זיין.

די פירשטין: דיינע אַ ווייב?

יוריום: מיר וועלען ניט זיין אין אוקראַינע די ערשטע. ניט ווייניג פּריצישע אלמנות האָבען אויסגעקליבען פּראָסטע קאָזאַקען פֿאַר מאַנען. און איך בין דאָך אַ שליאַכטיטש.

די פירשטין: און אַ אַפּיקורוס!

יוריום: און דיין קאַטויל'שער גלח איז אַ טייערער חבֿרה־מאַן: ער האָט מיר אַליין געהייסען זיך צוקלעבען צו דיר, כדי זאָלסט אָנמאַכען אַ בייז לעבען צווישען דיין מאַן מיט'ן יודען.

די פירשטין: קאָזאַק, זאָגסט ליעגען.

יוריום: זאָל מיך גאָט שטראָפֿען! ערשט היינט בין איך ביי איהם געוועזן. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז דו געוועלטיגסט איבער'ן מאַן און אַז דו ליעבסט אַ יודען.

די פירשטין: דאָס איז אויך אַ שקר!

יוריום: קום אַוועק מיט מיר, וועסטו געפֿינען דעם אמת. ביי אייך זענען דאָ פּריצים, ביי די מאָסקאַלען — „חבֿרה", ביי אונז זענען אַלע ברידער, מיר וועלען לעבען וואהל!

די פירשטין: נו, און וויפֿיעל מאָל אין טאָג רעכענסטו דאָס ווייב צו שלאָגען?

יוריום: ניין, ניין!... איך וועל איבער דיר ציטערען, איך וועל גאָט בעטען פֿאַר דיר, וויינען, נאָר דו זאָלסט מיך ליעב האָבען, מיין טייבעלע, דו זאָלסט מיר נור טריי זיין.

די פירשטין: און אויב איך וועל אונטריי ווערען?

יוריום: דאַמאָלס וועל איך הרג'ענען דיך מיט מיר צוזאַמען.

די פירשטין: דאַכט מיר, אַז איך וואָלט געקענט דיך ליעב האָבען.

יוריום: אָ, האָב מיך ליעב, מיין טייערע! איך זעה אַליך, דיין אָרג און דיינע יסורים. ס'איז שווער פאַר א טייבעלע צו לעבען אין איין נעסט מיט אַ מוילוואָרף (קראָט), און אַ יונג שען ווייבעלע — מיט אַן אַלטען מאַן. לאָז מיר אויסרעדען אַליך, וואָס איך האָב אין האַרצען. דו ביזט מיר ליעב, דו האָסט מיר פערכשופ'ט מיין נשמה, אָהן דיר איז מיר פינסטער דער ליכטיגער טאָג, נעהם צו מיין פערד, מיין ביקס, מיין זעבעל, בינד מיך, פערשפאַר מיך ווי אַ טאָטער, נאָר זיי מיינע!

די פירשטין: טססס... דער פירשט געהט אַהער (זי קוקט אַריין אין פענסטער) קיינער נישטאָ, שנעל!

יוריום: (וויל זי אומאַרמען).

די פירשטין: לאָז־אָפּ!

יוריום: ווער עס לאָזט זיך אַרומנעהמען, לאָזט זיך אויך אַ קוש געבען. (ער קושט זי און שפרינגט אַרויס דורכ'ן פענסטער. די פירשטין שטעהט אונבעוועגליך. עס קומט אַריין דער פירשט).

צווייטער אויפטריט.

(דער פירשט און די פירשטין).

דער פירשט: אַליין... די נשמה איז פערזונקען אין דמיונות. אַפנים אויך שמעטערלינגען האָבען זייערע רעיונות.

די פירשטין: פון וואַנען קומסטו?

דער פירשט: פון אַ וועלט מיט צרות, זאָרג און שנאה... איך ווער פון אַזאַ וועלט נאָר דאַמאָלס פטור, ווען איך קום אַריין אַהער, אין דעם נעסט, וואו עס רוהט אונשולד און צניעות, אין דעם געצעלט פון אַ ערדישען פרומען מלאך.

די פירשטין: די פריצים האָבען זיך שוין לאַנג פערזאַמעלט און וואַרטען אויף דיר...

דער פירשט: איך ווייס, איך האָב זיי פערשפּראָכען צו זאָגען מיין בעשלוס, וואו נעהמט מען איהם אָבער? איך האָב אַפילו יאָ איין בעשלוס....

די פירשטין (אונגעדולדיג): דאַרט וואַרט מען...

דער פירשט: איך האָב בעשלאָסען, ביז אַ צייט פערגעסען אָן אַליך און נעבען דיר אָפּרוהען פון אַלע מיינע ליידען. איינאָטהעמען דאָ די

הימלישע לופט פון ליעבע און אֶמת; דאָ נעכען דיר וועל איך אֶפשר אַליין אויך ווערען בעסער און אֶמת'ער. איך חידוש מיך, ווי אַזוי קען מיין אַלט האַרץ, וואָס איז פֿון צָרות און יאָהרען שוין צעשלאָגען, — ווי אַזוי קען עס ענטהאַלטען אין זיך אַזוי פֿיעל ליעבע.

די פירשטין: איז דען איצט אַ צייט פון ליעבע צו רעדען? עס איז דאָ וויכטיגערע זאָרגען.

דער פירשט: רעד נישט פון זאָרגען, פון זיי איז די זעעלע שוין פערקיהלט געוואָרען, ווי אַיז. איך וויל זי צעשמעלצען אין אַ שמועס וועגען דעם, וואָס איז מיר ליעבער פאַר אַלץ אין דער וועלט. און וואָס איז דען מיר טהייערער, אַלס דו?

די פירשטין: ניין, ניין... איך בעט דיך...

דער פירשט: אוי, די יוגענד! זי האָט ניט ליעב צו שמועסען מכּח דעם, מיט וואָס ס'איז פול דאָס האַרץ. זי פערשטעהט אַזוי אויך די בלעטער פון רוישענדען לעבען, נאָר דאָס עלטער איז אַ פלוידערזאַק, און עס לעזט הויך אויפ'ן קול, כּדי קומען צו הילף דעם בליק, וואָס זוכט אין אָפּגעמעקטע צייכענס פון לעבען צו געפינען דעם פערגעסע־נעם זין.... איך וועל דיר זאָגען, וועגען וואָס איך האָב געקלעהרט, ווען איך בין אַהער געגאַנגען. איך האָב אַזוי געטראַכט: וועמעס ליעבע איז אַ שטאַרקערע: דעם יונגען־מאַנ'ס אָדער דעם אַלטען־מאַנ'ס? און איך האָב דערקלעהרט, אַז דעם אַלטענ'ס איז שטאַרקער. די גריכען דער־צעהלען אַ לעגענדע וועגען נאַרצים'ען. ער האָט זיך אַליין אַ מאָל דערזעהן אינ'ם שפּיעגעל פונ'ם טייך און האָט זיך ווילד פערליעבט אין זיך אַליין. אָט דאָס איז אַ ריכטיג בילד פון דער יוגענדליכער לייד...עג־שאַפט. אין אונזער יוגענד האָבען מיר נישט די פרוי אַליין ליעב, נאָר אין דער פרוי ליעבען מיר זיך אַליין, מיר ליעבען אונזער אייגען בילד, וואָס עס שפּיעגעלט זיך אין איהר אב. ווען אַ בליהענדער יונגערמאַן לאַסטשעט און גלעט די שענע גליעדער פון אַ יונגער בליהענדער שענהייט, צערטעלט ער און גלעט עס זיך אַליין, זיין אייגענעם יונגען לייב, ווען ער קושט זי קושט ער דאָס זיינע ליפּען, אין אויפרעגונג ברענגט ער זיין אייגען בלוט. אָט פאַר וואָס די יוגענד איז אַזוי אונטריי. וואָס מאַכט עס אויס דער יוגענד, אין וועלכען שפּיעגעל, אין וועלכען טייכעל זי קוועלט פון זיך אַליין אָן? אַנ'אַלטער־מאַן איז אָבער נאָר

אַנדערש. אַז ער בעקומט ליעב, צעגעהט ער אַליין אינגאַנצען אין זיין ליעבע, גלייך ווי דער בוימעהל, וואָס בעלייכט דאָס היליגע בילד, ווערט פֿערשווינדען אין זיין ליכט. וואָס ליעבט דער אַלטער? וואָס ליעב איך אין דיר? ניט דיין שענהייט. חאָטש קיין גרעסערע שענהייט, ווי דו, איז ניטאָ, אַז מען זאָל זוכען פֿון קראָקאָ ביז ווילנא און ווארשא; אויך ניט דיין חָכְמָה, חאָטש קליגער פֿון דיר איז אויך ניט צו געפֿינען. איך האָב נאָר ליעב אין דיר דיין ריין האַרץ, די תְּמִימוּת פֿון דער קינדערשער נְשָׁמָה. איך האָב ליעב אין דיר יענע שענהייט, וואָס וועלקט נישט, יענע חָכְמָה, וואָס וועט קיינמאָל ניט בעטריגען. און איך בין גליקליך אָהן אַ מאָס; אָ, פֿיעל מאָל גליקליכער, פֿאַר אַלע גליקליכע יונגע לייט. זיי ערוואַרטעט איינפֿערזוכט, אונטרייהייט, אינטריגען, נְקָמָה...

די פירשטין: אָ, שווייג! דו צעריסט מיר דאָס האַרץ.

דער פירשט: מיט וואָס, מיין ליעבער פֿריינד?

די פירשטין: ווי גוט דו ביסט און איינגעגלויבט! צו אַזאַ ווי איך האָסטו פֿערדיענט ביי גאָט!

דער פירשט: איך הער שוין פֿון דיר אַזעלכע רייד ניט דאָס ערשטע מאָל. אַזוינע ווערטער מאַכען מיך שטענדיג וויינענדיג און לאַבענדיג. מיר דאַכט, אַז מַלְאָכִים האָבען ליעב, מעהר ווי אַנדערע, צו חֲרָטָה האָבען אויף זייערע זינד. ווער עס האָט אַזאַ ריינע זעעלע, ווי דו, דער בעמערקט אויף איהר מיט צַער דעם קלענסטען שאָטען.

די פירשטין: ניין, איך קען שוין מעהר ניט!... מיר איז שרעקליך דאָס צו הערען, פֿאַר וואָס בין איך אָנגעקומען צו דיר, היילינען מענשען — איך, אַזאַ נידעריגע!? איך...

דער פירשט: מיין גאָט! מיט וואָס האָב איך זוֹכֶה געווען אַזאַ גליק!

די פירשטין: אוי, וועה איז מיר!

דער פירשט: זעץ זיך אַוועק נעהנטער צו מיר, אָט אַזוי! איצט קוק מיר אין די אויגען אַריין, אָ, ווי פֿערשווענדעריש די נאַטור איז געווען צו דיר!

די פירשטין: מיין זינדיגער בליק שרעקט זיך פֿאַר דיינע אויגען...

דער פירשט: קינד מיינס, קינד! דו רעדסט נאָר וועגען זינד. ווייסטו

דעֶן וואָס זינד הייסט! דאָס וואָס ביי דיר הייסט זינד איז עֶס גאָר צְנִיעוּת.

די פירשטין: צְנִיעוּת!... אַך אַמאָל איז דאָס דאָ״גנע וואָרט ניט נאָר בלויז אַ וואָרט ביי מיר געֶוועֶן—שוין־זשעֶ איז אויף דער וועֶלט פֿעֶרהאַן צְנִיעוּת?

דער פירשט (מיט חוזק): אַ שרעֶקליך! נאָר דערצעֶהל מיר שוין פֿאָרט דיינעֶ עֲבֵירוֹת, אַז ניט האָב איך מוֹרא דעֶם קאָפּ איינצובייגעֶן, קעֶנסט נאָך מיינעֶ וויסעֶ האָר אין רוֹיטעֶ בלוּט פֿאַרבעֶן. —

די פירשטין: וויסעֶ האָר... בלוּט... אָ, העֶלף מיר, גאָט! הער־זשעֶ מיך אוֹיס. ווי אַזוֹי רוּפֿט מעֶן דעֶם, ווער עֶס האָט פֿאַר ליעבעֶ און פֿערגעֶנגעֶן בעֶשלאָסעֶן צו בעֶצאָהלעֶן מיט פֿינסטעֶרעֶר אונטריידהייט און מיט יסוּרים, און מיט טוֹיט פֿון אונשוּלדיגעֶ...

דער פירשט (רייסט איבער): אַהאַ, איך פֿעֶרשטעֶה שוין, וואָס עֶס טהוּט דיר אַזוֹי לייד, הייסט עֶס, דיך פּלאָגט אויך דאָס געֶוויסעֶן פֿאַר די אונגליקליכע יוּדעֶן! אַך מיין ליעבער פֿריינד! דער פֿעֶרראָטה איז אָפּט־מאָל ניט שרעֶקליך! צייטעֶנווייז זעֶנעֶן אַזוֹינעֶ זאַכעֶן ווי בעֶטרוּג, פֿעֶרראָטה, קיין עֲבֵירָה ניט.

די פירשטין: וואָס זאָגסטו? צייטעֶנווייז זעֶנעֶן אַזוֹינעֶ זאַכעֶן ווי בעֶטרוּג און פֿעֶרראָטה קיין עֲבֵירָה ניט!?...

דער פירשט: אָ, מיין פֿריינד! וואָלסט נאָר געֶהעֶרט, ווי אַזוֹי דער פריסטעֶר האָט עֶס מיר מיט שעֶנעֶ רעד דערקלעֶהרט!

די פירשטין: דער פריסטעֶר... און דו ביזט איינשטימיג מיט איהם?

דער פירשט: איינשטימיג, עֶר האָט מיך כמעט שוין איבערציינגט, נאָר פֿון איהם אַוּעֶקגעהעֶנדיג, האָב איך בעֶגעֶגעֶנט קאַסטראָ׳ן און האָב פֿערגעֶסעֶן דעֶם פּריסטעֶרס אַלעֶ רְאָיוֹת — דאָס הייסט, פֿערגעֶסעֶן האָב איך זיי ניט, איינציג־ווייז געֶדעֶנק איך זיי, נאָר צונויף־נעֶמעֶן זיי אַלעֶ, אַז עֶס זאָל ווערעֶן איין גאַנצעֶס, דאָס קעֶן איך ניט, זעֶהסט, אָט וועֶנעֶן מיר ווידער אַרויפֿגעֶקוּמעֶן אויף זאָרג, מעֶן וואַרט שוין אויף אונז דאָרט פֿון לאַנג, געֶהסט מיט מיר?

די פירשטין (צעטראָגען): יאָ.

דער פירשט: ווי טיעף דו קענסט פיהלען! ווי דו דורשסט נאך דעם אמת! מיין ריינער מלאך! (ער קושט זי אין קאפ).

(זיי געהען אוועק, די סצענע בלייבט א ווײלע ליידיג, עס קומט אריין קאסטרא און מאגדוסיע).

דריטער אויפטריט.

(קאסטרא און מאגדוסיע).

מאגדוסיע: די הערין איז דא נישטא. זי איז אוועק געגאנגען.

קאסטרא: וואוהין?

מאגדוסיע: זי איז אוועק אויבען.

קאסטרא: איך וועל ווארטען, אפשר וועסטו איהר געהן זאגען.

מאגדוסיע: איך וועל איהר זאגען, אז דו ווארטסט אויף איהר (אב).

פיערטער אויפטריט.

קאסטרא: (אליין) ביז אהער האב איך ניט געוואוסט, ווי אזוי אין מענשליכען הארצען וואקסען־אויס בייזע מעשים. איך האב געמיינט, אז דער קאמפף, וואס קומט דארט פאר, איז גאט ווייס ווי לאנג, אז דער געוויסען פלאגט אונז טאג און נאכט. עפעס איז דאס גאר נישט אזוי, גאר נישט אזוי... פלוצלינג פליהט אריין אין הארצען די דונקעלע ענטשלאסענהייט און ציהט אונז מיט געוואלדיגער קראפט צום פערברעכען. ווער וואלט עס מיט א שעה צוריק געגלויבט, אז איך, יוסף קאסטרא, איך, שרה'ס מאן, וועל קומען פערפיהרען א פ־עמד ווייב! אמת, מיט א שעה צוריק איז נאך געווען א האפנונג, איך האב געגלויבט נאך אין דעם פירשט... ווי האט ער זיך אבער אומגעביטען! ווי פער'השכ'ט איז ער געווא־ען! ווי ער האט מיך דערזעהן, האט ער געוואלט פערביי־געהן, פון דעסטוועגען האט ער מיך צוגערופען און האט מיר געזאגט: „צו איז ניט מעגליך אויפעפענען די קאזאקען די טיערען מיט דעם תנאי, אז ווען זיי וועלען צונעהמען פון אייך דאס אויסלייז־געלד זאלען זיי אבטרעטען?“ — וואס איך האב איהם דערויף געזאגט, געדענק איך ניט. ניין, איך האב טאקי גאר נישט געזאגט. איך האב נור, שווייגענדיג, אין די אויגען איהם א קוק געטהון — און

ער איז פערביי־געגאנגען. ביי מיר האט זיך דאס הארץ ווי אפגעריסען, קוים וואס איך בין איינגעשטאנען אויף די פיס. אליץ איז פערלוירען, אליץ! ער, דער בעסטער פון זיי אלעמען, האט בעטראגען, קיין רחמנות ניט געהאט, פערשטויסען. דאן האב איך דערהערט, ווי אין מיין הארצען רופט א שטימע: „געה געשווינד צו יענער פרוי, וואס איז אויף די קניע פאר דיר געפאלען, געה און ווער א ליגנער, מאך זיך, אז דו ביזט אין איהר פערליעבט! זי איז איצט דיין לעצטע האפנונג!... דאס אונגליק איז פיעל שטארקער פאר אלע מעשים־טובים. און איך בין געקומען! שוין־זשע בין איך עס? בעטראכט זיך, יוסף! גאט זעהט אליץ! און א געוויסען איז אויך פערהאן... דערמאהן זיך אן דיין ווייב!... זעהט ווירקליך גאט אליץ?... היינט צו וואס זאל איך פערליהרען גלאט געקינצעלטע רייד? דו זעהסט דאך, גאט, אז איך בין ניט געקומען צו געניסען פערגעניגען... מיין פאלק, מיין פאלק געהט פערלוירען, — דיין פאלק! בעסער שוין, אז איך זאל פערלוירען געהן! זאל בעסער מיין נשמה אויף יסורים אוועק־געגעבען ווערען, קיין אנדער וועג אויף ניצול צו ווערען זעה איך ניט ארוים! און אויב עס איז יא דא עפעס א וועג, בעוויז מיר איהם, דו גוטער גאט. בעלייכט מיין פערדונקעלטען פערשטאנד. א, ווי עס ציטערט מיין דערשראקען הארץ! שוין־זשע וועל איך טאקע באלד די יונגע פירשטין צודריקען צו מיין ברוסט?...

(עס קומט אריין די פירשטין).

פינפטער אויפטריט.

(קאסטרא און די פירשטין).

די פירשטין: דו האסט מיך גערופען? (קאסטרא שווייגט) וואס ווילסטו זאגען, שטאלצער שפאניער?

קאסטרא: ניט שטאלץ בין איך... איך בין שוואך און זינדיג...

די פירשטין: דו טרייבסט שפאס? דו? קען דען די הארטע ביהן זיך פערוואנדלען אין א פרעהליכען שמעטערלינג?

קאסטרא: איך בין ניט אזוי הארט, ווי איך וויז ציייטענווייז אוים. דאס הארטע מזל מאכט דעם מענשען וייך.

די פירשטין: איך פערשטעה דיך ניט.

קאסטרא: דו רופסט מיך ביהן. עס קען זיין — אָבער איך בין אַ ווילדע ביהן, איך זאַמעל מיין האָניג בסוד. קיין מענש זאָל נית זעהן.

די פירשטין: פאַר דעם דאָזיגען האָניג שעץ איך דיך, ווי גאָט; דער מין האָניג איז אַזוי וועניג צווישען מענשען—אֱמֶת הייסט ער.

קאסטרא: ניין — ליעבע..

די פירשטין: דו ליעבסט? וועמען־זשע?

קאסטרא: דיך, פירשטין.

די פירשטין (קוקט איהם לאַנג אין די אויגען): איך האָב גע־מיינט, אַז דו ביזט נית גלייך צו אַנדערע, און קיין ליגען קענסטו נית זאָגען.

קאסטרא: איך זאָג נישט קיין ליגען.

די פירשטין: נו, און וואָס איז עפּעס מיט'ן גרויזאַמען גאָט, וואָס שטראָפט אויפ'ן הימעל? (קאסטרא שווייגט) הייגט דיין שָׂרָה? מיין מאַן, אייער בעשיצער?

קאסטרא: צו וואָס זאָגסטו מיר אַלץ איצט?

די פירשטין: איך קען דיר נית גלויבען, מיר דאַכט, אַז דו טרייבסט שפּאַס.

קאסטרא: ניין איך שפּאַס נית.

די פירשטין: אויב דו טרייבסט קיין שפּאַס, שטעל זיך אויף די קניע. (קאסטרא נאָך איין מינוט אונבעשלאָסענהייט, שטעלט זיך אויף די קניע, די פירשטין קעהרט זיך פון איהם אָפּ) איהר זענט אַלע מיאוסע ליגנער! (אין טהיר בעווייזט זיך דער פירשט, דערזעהענדיג קאסטרא'ן אויף די קניע, בלייבט ער שטעהן). יענע פרוי איז אַ אונזיניגע, וועלכע בלייבט אייך טריי.

זעקסטער אויפטריט

(די זעלבע און דער פירשט).

דער פירשט: וואָס איז דאָס אַזוינס?

די פירשטין: דער „זשיד" ערקלערט זיך מיר אין ליעבע. (קאסטרא הייבט זיך אויף, אַ לאַנגעס שטילשווייגען).

דער פירשט: עה, מענשען, מענשען, מענשען! געשווינד אהער, מענשען, מענשען, (עס געהן אריין די בעדיענטע) געשווינד נעהמט דעם יודען אוועק! ניין, טרעט־אָפּ. דעם הינד־אויפזעהער ברענגט אהער, איך וועל איהם לאָזען דורך הינד צעררייסען! רופט אריין די פריצים אהער! און איך, שוטה, האָב זיך אוועקגעלעגט פאַר אַזאַ מיאוסקייט (עס קומען אריין די פריצים, וויסאָצקי, סינעלסקי, זשובר, און אנדערע, דער פּאָטער בעראלדוס און יוריוס).

זיבענטער אויפטריט.

(די זעלבע, פריצים, בעראלדוס און יוריוס).

סינעלסקי: וואָס איז דאָ פאַר א טומעל?

דער פירשט: שטעל זיך פאָר: אָט דער פארך, אָט די מיאוסע בריה, דער אבשייליכער יוד, אָט דער כלב, האָט זיך געוואַגט ערקלערען דער פירשטין אין זיין עפּוש׳דיגער ליעבע.

בעראלדוס: עס קען ניט זיין!

סינעלסקי: מען דאַרף איהם צופּאַסעווען מיט נאַהייקעס!

זשובר: צונויפבינדען מיט א חזיר!

סטרוס: פערגראָבען אין מיסט!

וויסאָצקי: לאָזט מיך. איך וועל מיט איהם. מיינע הערען, זיך אָברעכענען אויף דער וועלט. אָט איז דער זעבעל. (עס קומט אריין אַ הינד־אויפזעהער).

אכטער אויפטריט.

(די זעלבע און דער הינד־אויפזעהער).

דער הינד־אויפזעהער: וואָס פערלאַנגט דער פאַן?

דער פירשט: שטעהט. דו, קאָזאַק, ביזט דאָ? גרייט זיך, מען וועט אייך היינט אויפעפענען די טויערען.

סינעלסקי און בעראלדוס: דאַנקען גאָט.

דער פירשט (צום ווייב): מיין ליעבער פריינד! ס׳איז ניט כדאַי צו אויפרעגען זיך. אַ יוד איז ניט אימשטאַנד אונז צו בעליידיגען.

דער הינד־אויפזעהער: וואָס פֿערלאַנגט דער פּאַן צו טהון מיט די הינד?

דער פירשט: ניין, איך וויל ניט, אַז מיין הויף זאָל בעשמוצט ווערען מיט'ן מיאוסען יודישען בלוט. זאָלען בעסער די קאָזאַקען פֿון איהם די הויט אַראָפּשינדען, לאָזט איהם דורכבנעהן, אַרויס, קרעטשינער זשיד, אַרויס! (קאַסטראָ געהט דורך צווישען צוויי שורות לאַבענדיגע פריצים און בעדיענטע).

(דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט).

דריטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

(אַ בית־מדרש, דער רב, רבי אהרן, אין אַ ווייסען מיטל, שטעהט פֿאַר'ן עמוד מיט'ן פנים צום עולם, און האַלט אין דער הויך, ווי ביי'ן דאַווענען, די הענד. עס לויפֿט אַריין אַ יוד).

ערשטער אויפֿטריט.

(ר' אהרן און דער יוד).

דער יוד: רבי, רבי! דער שפּאַניער האָט אַלעמען פֿערזאַמעלט אויפֿ'ן פּלאַץ און רעדט־איין מיט בייזען, אַז מען זאָל אָנפֿאַלען אויף די פּריצים און אויס־הרג'נען זיי.

ר' אהרן: געה, מיין זוהן, געה, ווער געוואָהר, וואָס טהוט דאָס פֿאָלק? (דער יוד אַב).

צווייטער אויפֿטריט.

ר' אהרן (אליין): גאָט פֿון אַבְרָהָם, פֿון יִצְחָק און פֿון יַעֲקֹב, גאָט פֿון אונזערע זיידעס און הייליגע אָבות, גאָט איבער אַלע העררשאַפֿט, דו אֵל קַנָּא וְנוֹקֵם! זיי מיר מוחל, וואָס איך האַלט אַזוי לאַנג אָפּ און ברענג ניט צו דיר די פֿערבלאָנדזעטע קינדער. איך גלויב

בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, אַז דערפֿאַר וואָס דו שטראָפֿסט אַזוי דאָ אויף דער נאַרישער וועלט ווערסטו אונז אויף יענער וועלט בעלוינען. אָבער זיי מוחל, וואָס מיין אֱמונה איז נאָך ניט ווי געהעריג איז. איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ בָּשָׂר־וָדָם, ניט מעהר ווי אַ חוֹמֶר, און איך האָב אויף'ן חוֹמֶר רַחֲמָנוּת. איך האָב רחמנות אויף די קליינע קינדערליך, וואָס דאַרפֿען אומזיסט־אומנישט אומקומען, איך האָב רחמנות אויף די מאַמעס, וואָס וועלען מוזען צוקוקען דעם טויט פֿון זייערע ליעבע קינדערליך... דאָך בין איך גרייט, דאָך גיב איך, מיין גאָט, צו אויס־פֿיהרען דיין שרעקליכען מִשְׁפָּט... עס וועט ניט לאַנג דויערן און דער אַכְזָר'דיגער פֿיינד, וואָס איז אַ בלינד געוועהר פֿאַר דיין רצון, וועט אונז אַלע אָנטהון די שווערסטע יִסוּרִים און עִנּוּיִם. העלף־זשע אונז גאָט, אַז אין די שרעקליכע מינוטען זאָלען מיר ניט פֿעלשען אין דער הייליגער אֱמונה פֿון אונזערע אָבוֹת, מיר זאָלען די שטראָף מְקַבֵּל בְּאַהֲבָה זיין און דעם הייליגען ווילען פֿון דיין בייזען צאָרן זאָלען מיר בכֹּחַ זיין מיט שִׂמְחָה אויסצוטרינקען ביז'ן דעק, און אויב וועמען פֿון אונז וועט דערצו מוטה פֿעהלען און וועט זיך קלאָגען,—זיי איהם מוחל, ווייסט דאָך, אז דער מענש איז שוואַך. אָבער אַז די יסורים פֿון דער נאַרישער וועלט וועלען שוין נעהמען אַ סוֹף, שיק אונז גלייך אַראָפּ אַ ריינעם מַלְאָךְ. ער זאָל דורכפֿיהרען אונזערע נשמות אויפ'ן הימעל דורך דעם ליכטיגען וועג פֿון די הייליגע קְדוֹשִׁים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קִדּוּשׁ־הַשֵּׁם, דורך דעם וועג פֿון רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, רַבִּי שִׁמְעוֹן און רַבִּי עֲקִיבָא, רַבִּי יְהוּדָה און רַבִּי חֲנִינָא און נאָך אַזוינע אויסדערוועהלטע, חאָטש איך בין ניט ווערט אין זייערע שטעגען צו געהן. זיי אַלע זענען געגאַנגען צום טויט, זינגענדיג פֿרעהליכע תפילות, ווי חֲתָנִים אין דעם טאָג פֿון דער חוּפּה. און איך גיב אין ווייך ווי אַ קליין קינד. זיי מיר מוחל, גאָט, — זיי מיר מוחל, די דאָזיגע טרערען !... —

וואָס־זשע וויינט איך ? וואָס־זשע וואַרט איך, מיין גאָט ? גיעב מיר כֹּחות צו פֿערלאָזען דאָס דאָזיגע הויז, וואו מיין טונקעלער שֵׂכֶל האָט זיך אַזוי אָפֿט געמאַטערט צו פֿערשטעהן די סודות פֿון דיין הייליגער תּוֹרה, וואו איך האָב פֿערגאָסען פֿאַר דיר אַזוי פֿיעל טרערען, כְּדֵי אויפֿצועפֿענען די טויערן פֿון הימעל. שוין צייט צו געהן.... לעב וואָהל, דו שטילעס הייליגעס הויז, וואָס אין דיינע ווענד קלינגען אַזוי פֿיעל

הייליגע תְּפִלּוֹת! לעבט וואהל, איהר הייליגע סְפָרִים, איהר קוואַלען פֿון חָכְמָה! אויך דו לעב וואהל (ער נעמט אַרויס פֿון אָרון־קדש אַ ספר תורה), דו געטליכע תּוֹרה, דעם פֿאָלק ישראל'ס פֿאַטערלאַנד, דער וועלט'ס האַפֿען; צווישען די ערדישע מִדְבָּרִיוֹת, דו הימלישער שוץ; צווישען דעם רוישענדען יַם, דו בליהענדער אינזעל. דו עִיר־מִקְלָט פֿאַר אַלע ליידענדע און צעבראָכענע הערצער, דער וועג צום גוטען. קיהלער אָטהעם פֿון גאָט'ס לעפּצען, נֶחָמָה פֿון נְשָׁמוֹת, פּערל פֿון האַרצען, קוואַל פֿון ליעבע און אייביגען לעבען. דו אונפֿערלאָשענעס ליכט. גליקליכקייט און פֿריעדען. נאָר דיך אַליין האָב איך ליעב געהאַט ווי אַ כַּלָּה, נאָר דיך אַליין האָב איך געהיט ווי אַ ווייב. דו ביזט מיר געוועזען איין העלדענטאַט און איין בעלאהנונג. דו ביזט מיר געוועזען אַ מיה און אַ זיסער אָפּרוה. דו ביזט געוועזען מיין ציעל און דער וועג צום ציעל. וואו זאָל איך דיר, מיין שאַטץ בעהאַלטען? ווי אַזוי זאָל איך דיך פֿערהיטען פֿון דעם שוֹנא'ס שמוציגע הענד? (ער קושט זי) אוי, אַז איך וואָלט געקענט מיט מיין לעצטען קוש אַרויסלאָזען אויך מיין לעצטען אָטהעם, פֿערקיהלט ווערען אויף אייביג מיט מיין לעצטער טרער!... (ער שטעלט אַריין צוריק די תורה) איך וויין ווידער, אָבער שוין ניט מיט טרערען פֿון צַעַר, מיין גייסט הייבט אָן העל צו ווערען, ווי אין פֿריהמאָרגען דער הימעל. אַ דאַנק דיר, גאָט, וואָס איך בין געבוירען געוואָרען אַ יוד, וואָס איך בין אַ קינד פֿון דעם אויסדערוועהלטען פֿאָלק, וואָס דו האָסט זיי אַ נאָמען געגעבען מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים און גוֹי קָדוֹשׁ, אַ פֿאָלק, וואָס רעכענט זיך פֿאַר דיין בְּכוֹר. נאָך איידער די וועלט איז בעשאַפֿען געוואָרען, ווען אומעדום איז נאָך געוועזען וויסט און לעער, ערד און הימעל זענען נאָך ניט געוועזען פֿערנאַנדערגעטהיילט, און דיין הייליגער גייסט האָט נאָך איבער דעם תּוֹהוּ־וָבוֹהוּ געשוועבט און געטראַכט וועגען דער קינפֿטיגער בְּרִיאָה האָסטו זיך פּלוצלינג אָנגעצינדען, ווי אַ חמאַרע פֿון אַ בליץ, מיט דער שעפּפֿונג־פֿאַנטאַזיע און די דאָזיגע פֿאַנטאַזיע איז געוועזען דאָס פֿאָלק יִשְׂרָאֵל. און פֿון דער מַחֲשָׁבָה וועגען איהם, האָט זיך ענטוויקעלט, ווי פֿון אַ קערן אַ געוויכס, די גאַנצע וועלט. אַליץ האָסטו פֿון איהם און פֿאַר איהם בעשאַפֿען: די וועלט, כדי ער זאָל דיך געדענקען; זינד און הֲבָלִים, כדי ער זאָל האָבען אַ יֵצֶר־הָרָע אויף צו בעקעמפּפֿען; דחָקוֹת, כְּדֵי ער זאָל קענען זיין גייסט פֿערהאַרטעווען; פֿעלקער, כדי ער זאָל

זיך מיט זיי ניט פֿערמישען; שׂוֹנְאִים, כְּדֵי צו שט־אָפּען איהם פֿאַר זיינע זינד; עוֹלָם־הַבָּא, כְּדֵי צו בעלוינען איהם פֿאַר זיין אֱמוּנָה. אָ, גאָט! אַלץ האָסטו פֿון זיינעט וועגען בעשאַפֿען, איהם אַליין האָסטו אָבער פֿון דיינעט וועגען נאָר בעשאַפֿען: ער זאָל בעוואוסט מאַכען דיין גרויסען נאָמען, ער זאָל זיין ווי אַ לעבעדיגער שפּיגעל פֿון דיין רוּהם; ער זאָל בעגרייפֿען דיין מעכטיגקייט. דאָס פֿאָלק יִשְׂרָאֵל האָט אָבער פֿערגעסען זיינע הִתְחַיְּבוּת צו דיר און דו האָסט איהם דערפֿאַר איבער־געגעבען צו אַלערליי שרעקליכע רְדִיפוֹת, נאָר אֲפִילוּ אין גָלוּת, איז ער אַלץ ווי אַמאָל, נאָך דיין ליעבלינגס־בכוֹר. עס וועלען דוֹרוֹת פֿערשווינדען, מְלוּכוֹת פֿאַלען און אויפֿשטעהן, טייכען וועלען אויסטריקענען, זאַמד־פּלעטיץ וועלען אָנהייבען צו בליהען, די יַבָּשָׁה מיט'ן ים וועלען זיך פֿערבייטען מיט די ערטער, אָבער ביז וואַנען דער הימל'שער געוועלב וועט זיך מיט דער ערד ניט צוזאַמענגיעסען ווידער אין אַ אַמאָליגען תּוֹהוּ־וָבוֹהוּ, וועט אַלץ יִשְׂרָאֵל — צו אין קייטען פֿון אַ קנעכט, צו אין אַ מאַנטעל פֿון אַ מוֹשֵׁל — אַרומגעהן אויף דער וועלט און לויבען דעם איינציגען גאָט. נאָר וואָס איז דאָס אַזוינס מיט מיר געשעהן? עפּעס פֿיהל איך, ווי מיין שוואַך־האַרץ איז דורכגענומען פֿון אַ שִׂמְחָה. איז עס מעגליך? מיט פֿרייד געה איך בעגעגענען דעם טויט. אָ גאָט דו האָסט מיך, שוואַכען, אָנגעקליידט מיט דיין גְבוּרָה, דו האָסט ערלויבט מיר, זינדיגען מענשען, צו שטעהן אין איין שוּרָה מיט דיינע געליעבטע הייליגע צַדִיקִים, מיט די גרויסע קְדוֹשִׁים..

דריטער אויפֿטריט.

(רבי אַהרן און אַ יוד).

דער יוד (לויפֿט אַריין): רבי! לויף גיכער, ווען ניט זענען מיר אַלע פֿערלוירען.

רבי אַהרן: איך געה, איך געה. פֿיהר מיך, מיין זוהן (אָב).

(פֿאָרהאַנג).

צווייטעס ביל ד.

(אַ פֿרייער פּלאַץ אין שלאָס. גלייך פֿאַר די צושויער—די פֿעסטונגס וואַנד און די טויערען. רעכטס — דער פּאַלאַד פֿון דעם פֿירשט'ס פּאַלאַץ מיט צוויי פֿליגעלען, מיט אַ באַלקאָן, וואָס געהט אַרויס צום פּלאַץ. צווישען די ביידע פֿליגעלען — אַ טויער, וואָס פֿיהרט אין פֿירשט'ס הויף. דער גאַנצער פּלאַץ איז פֿערנומען מיט בעוואָפֿענטע יודען; זיי פֿון פֿאָרענט רבי יוסף קאַסטראַ).

ערשטער אויפֿטריט.

קאַסטראַ: אָ, ברידער! ביי ווען דער גיפֿט פֿון אַלערליי שרעקליכע בעליידיגונגען האָט נאָך ניט פֿערניכטעט אויף אייביג זיינע מילדע געפֿיהלען, ווען עס קען נאָך בעפֿאַלען אַ שרעק, ווען ער זעהט בלוט, אָדער ווער עס ווערט גערירט פֿון די תחנונים, וואָס איינער בעט פֿאַרן טויט, — זאָל יענער אַוועקגעהן, מיר דאַרפֿען ניט קיין קליינמוטהיגע.

געשרייען: מיר זענען אַלע מיט דיר.

קאַסטראַ: אונטרייהייט פֿאַר אונטרייע! דערמיט ווילען מיר זיך נוקם זיין ניט נאָר אין די שלעכטהערציגע פּאַליאַקען אַליין, אָבער אויך אין אַלע תּליינים אונזערע! דערמאָהנט זיך נאָר די הונדערטער יאָהרען פֿון ענוּיִם קשים, זינט די רוֹצחים, וואָס זענען נאָר געווען אין מלחמות האָבען אונז, אַזאַ רוהיג-פֿריעדליך פֿאָלק, גאָר אונשולדיג צעזעעט און צעשפּרייט אויף דער ערד. ווי סוואָרעס הינד צעטרייבען די רוהיג פֿיטערנדיגע הירשען! איצט וואַרפֿען זיי נאָך אונז פֿאַר. וואָס פֿאַרט? זייערע רציחות, אונזער ביטער מזל! פֿאַר וואָס, פֿאַר וואָס זאָלען מיר אונשולדיגערהייט טראָגען די שווערע שטראָף? זיי שפּייען אויף אונז נאָר דערפֿאַר, ווייל שפּייען אויף אונז האָבען זיי ניט מורא... אָ, דער יושר פֿון טיגערס! אָבער אויב אַזוי זאָלען זיי מורא האָבען, זאָל זיי שרעקליך זיין! זאָלען זיי זעהען, ווי אַזוי מיר וויסען ווי צו טרעפֿען אין זייערע אכזריות'דיגע הערצער.

געשרייען: פֿיהר אונז. קיינער וועט זיך ניט רעטען!

קאַסטראַ: וואָס קען אונז באַנג טהון? איז דען ניט בעסער צו אומקומען פֿון הונגער און דאָרשט איידער צוריסען צו ווערען פֿון

זיבעֶ הינד? איז ניט בעֶסעֶר, אַז מיר אַליין זאָלעֶן איינעֶר דעֶם אַנדעֶר־עֶן אויסהַרגִ'נעֶן מיט אייגעֶנעֶ העֶנד, איידעֶר צו קרעֶכצעֶן פוּן עֶנוּיִם קשים, צוּ־זעֶהעֶן ווי מעֶ נעֶהמט אונזעֶרעֶ קליינעֶ קינדעֶר, און מעֶ צוּקלאַפּט זיי אין דעֶר עֶרד, צוּ־קוּקעֶן, ווי מעֶן וועֶט אונזעֶרעֶ פרויעֶן פאַר אונז אין די אויגעֶן נראָב בעֶליידיגעֶן?! פאָרוועֶרטס! און דעֶר גאָט פון אונזעֶר־עֶ אָבות זאָל אונז בעֶשיצעֶן. (אין דער זעלבער צייט לויפט אַרויס אויף'ן באַלקאָן דער פאַן סינעלסקי).

צווייטעֶר אויפטריט.

(די זעלבע און פאַן סינעלסקי).

סינעֶלסקי: מיינעֶ העֶררעֶן! וואָס זעֶנט איהר אַזוי אויפ־געֶרעֶגט אוּמזיסט?

קאַסטרא: איהר זעֶהט! די העֶרצעֶר פון די בונדים האָבעֶן אַ ציטעֶר געֶטהון! פוקס איינעֶר, אוּמזיסט אויפגעֶרעֶגט ביזט דוּ. ווי היטרע דוּ זאָלסט ניט זיין, ווט דיר שוין ניט געֶראָטעֶן נאָך אַמאָל אונז איבעֶר־געֶבעֶן!

סינעֶלסקי: מיר האָבעֶן קיינמאָל ניט געֶוואָלט און ווילעֶן אויך איצטעֶר ניט איבעֶרגעֶבעֶן אייך.

קאַסטרא: וואָס? עֶר האַלט אונז דעֶן פאַר שאָף? דוּ אַליין מיט דעֶר וואַכט האָסט זיך צום טויעֶר געֶלאָזעֶן, דוּ אַליין האָסט בעֶ־פרייעט דעֶם קאָזאַקעֶן־שָליח. מיר האָבעֶן קוים מיט גרוים מיה אין הויף די וואַכט אַוועֶקגעֶשטויסעֶן און דאָס אַליץ האָסטוּ פעֶרגעֶסעֶן אין איין שָעה?

סינעֶלסקי: איך בין זיך מודה, מיר האָבעֶן זיך צוּפיעֶל געֶהיצט. אָבעֶר דוּ ביזט אַליין שולדיג: דוּ האָסט דעֶם פירשט אין כעס אַריינגעֶבראַכט. זיין כעס איז שוין אָבעֶר אַריבעֶר און מיר זעֶנעֶן ווידעֶר גוטעֶ פריינד.

קאַסטרא: דוּ ליינסט, די יודען האָבעֶן ניט קיין פריינד!

א שטים פון דער וואַנד: מעֶן זעֶהט ווי אין לאַגעֶר רודעֶרט זיך. מעֶן פיהרט די פעֶרד, מעֶן לויפט און עֶס אַרבייט זיך עֶפּיס.

קאסטרא: אהא! איך פערשטעה אייער שלאנגען־געדאנק. א האַלבע מינוט נור די צייט אביסעל אבציהען. איך שווער אייך אבער נאך איידער דער שונא וועט צו קומען צו די ווענט, וועלען מיר פון אייך מאכען א הויפען טויטע פגרים. — קומט ברידער!

סיבעלסקי: ווארט, מיר בעשטעהען צו ערפולען אלע תנאים פון אונזער בונד.

קאסטרא: צווישען וועלף און שאף איז ניט מעגליך קיין בונד. אויב איהר ווילט לעבען, אלס געפאנגענע, גיעט זיך אונטער, לעגט אוועק אלע אייער געוועהר! זאל דער פירשט זיך מעלדען פאר'ן גאנצען פאלק אלס געפאנגענער. (עס בעוויזט זיך אויפ'ן באלקאן דער פירשט; פון הינטען האלטען איהם איין דער גלח בעראלדוס און אנדערע, ער אבער רייסט זיך פארווערטס).

דריטער אויפטריט.

(די זעלבע, דער פירשט און די פריצים).

דער פירשט: לאזט־אפ! האלט מיך ניט! לאזט מיך רעדען! איך בעשטעה מודיע צו זיין פאר'ן פאלק, אז — דו ביסט א מיאוסער זשיד, א פערעיפושט'ער הונד, — איך בעט אייך לאזט מיך, — אז איך וועל דיר היינט, מארגען, שטענדיג, צו די חלאפעס איבערגעבען, און אויב איהר וועט זיך צו מיר אריינרייסען אין פאלאץ, וועל איך הייסען אייך ניט מיט ביקסען, ווי עס פאסט פאר מענשען, נאר ווי הינד מיט נאהייקעס פערטרייבען. פאנען! אהער! פערנעהמט די פענסטער און טהירען, און אייך יודען, לאז איך בעטען אזוי פריינדליך צו זיין און קומען צו געסט אויף א מאהלצייט פון שטעקענס... (דער פירשט און די פריצים פערשווינדען).

פיערטער אויפטריט.

(די יודען און קאסטרא).

קאסטרא: ער איז גערעכט — מיר זענען חיות, ווילדע חיות...

שטימען פון דער וואנד: דער גאנצער לאגער איז אויף די פיס, מען פיהרט ארוים די הארמאטען, מען שפאנט די פערד.

קאסטרא: די ערשטע זעקס מַחֲנוֹת געהען מיט מיר, זעקס בלייבען צו פֿערטהיידיגען די ווענד. (ער הייבט אויף דאָס געוועהר). טויט זייערע פֿרויען! טויט זייערע קינדער! פֿאָרווערטס!

(אין דיעזער צייט קומט אויפ'ן פּלאַץ צו לויפֿען שטאַרק פֿערסאָפּעט דער רב, רבי אהרן און פֿערצוימט זיי דעם וועג).

פֿינפֿטער אויפֿטריט.

(די זעלבע און דער רב, רבי אהרן).

רבי אהרן: וואוהין? וואוהין? בלייבט שטעהן, קינדער!

קאסטרא (שטויסט איהם לייכט אָב): געה אַוועק, אַלטער, איצט איז ניט די צייט פֿון דְרָשׁוֹת.

רבי אהרן: פֿיערציג יאָהר האָב איך אייך אין דעם וועג פֿון אֱמוּנָה און תּוֹרָה געפֿיהרט — האָט איהר פֿון מיר ווען געהערט אַ פּוסט וואָרט? ווּעמען האָב איך פֿון וועג נעפּרופֿט אַראָפּפֿיהרען?

שטימען: רעד, מיר וועלען צוהערען, נאָר רעד גיכער!

קאסטרא: אונגליקליכע! אַ מינוט איז איצט אונז טייער!

רבי אהרן: אַ מינוט איז איהם אַ שאָד, דעם חֲסַר־דֵעָה, און די אייביגקייט אַרט איהם ניט. אָ, ברידער מיינע! וואוהין פֿיהרט אייך אָט דער אויסוואַנדערער? ער הייסט אייך אַוועקשטעלען זיך קעגען דריי־סיג פֿאַרגעמע שלאַכטישען מיט זייערע מחנות. בעדענקט אייך! אַז אייער מיין וועט זיך אייך אַפֿילו יאָ איינגעבען, וועט איהר נאָר נִצוֹל ווערען מיט אייערע קינדער אויף אַ צייט. אָבער וואָס ערוואַרטעט דער נאָך אייער גאַנץ פֿאָלק אין פּוילען? איז דען ווייניג שוֹנְאִים — חלאַפּעס, וואָס איהר ווילט נאָך אויך די פּריצים קעגען אונז אויפֿרייצען אונזערע איינציגע פֿערטהיידיגער ביז היינט! אַז מיר זענען אונשולדיג פּלאָגט מען אונז אַזוי אָהן רַחֲמָנוּת, היינט וואָס קען מיט אונז געשעהן ווען מיר וועלען ווירקליך בלוט פֿערגיעסען? ברידער! ווער איז אייך טייערער איהר אַליין אָדער אייער פֿאָלק? מיט וואָס זענען מיר בעסער פֿאַר אונזערע ברידער אין באַר; זיי האָבען אַלע געליטען, איצט איז אונזער צייט געקומען; לאָמיר שטאַרבען על קִדּוּשׁ־הַשֵּׁם, אַ קָרְבָּן פֿאַר'ן גאַנצען פֿאָלק!

א שטימע פון דער וואנד: פֿונ׳ם לאַנגער איז אַ גאַנצע מַחֲנֶה קאָזאַקען אַרויס, דעם גאַנצען געגענד בעדעקט אַ געדיכטער שטויב.

קאַסטראַ: דער שׂוֹנֵא איז שוין ביי די וועגד און מיר שטעהען דאָ, וועה איז אונז, און הערען אויס דאָס פלוידערען פֿון דעם אַלטען, וואָס האָט אין זיין שוואַכען האַרצען נאָר קליינמוטהיגקייט געבראַכט.

רבי אהרן: ברידער! איך בין קליינמוטהיג? האָב איך ניט געזאָגט: לאָמיר שטאַרבען עַל קִדוּשׁ הַשֵּׁם? ! האָב איך ניט געזאָגט: לאָמיר פֿאַלען אין נאָמען פֿון פֿאָלק, אַלס קָרְבָּן? ! אָ ברידער! זייט מוטהיג! מוטהיגער אַלס לייבען, שטאַרקער אַלס לעמפערטען, אונבעשראָקענער אַלס טיגרען! (אין פּאַלאַץ, הינטער׳ן באַלקאָן הערט זיך א געלעכטער).

קאַסטראַ: זיי לאַכען... אָ, די בּוֹגְדִים לאַכען! אָט, זאָגען זיי, זענען אַביסעל העלדען זיך געפֿונען! פֿאַר העלדענשאַפֿט ציטערען זיי אַזש, פֿאַר העלדענשאַפֿט געהען זיי אַזש שווייגענדיגערהייט אויסגעקוילעט צו ווער־ען.

רבי אהרן: אין מענשענס אויגען ווילסטו אַ העלד זיין? געה אַוועק אין צירק וועט דיר דער עולם פּאַטשען בראַוואָ, דיר אָדער דעם אָקס, עס ווענדט זיך ווער עס וועט מְנַצֵּחַ זיין. ניין, ברידער! עס מאַכט ניט אויס, וואָס ביי מענ׳שען אין די אויגען ווע׳לען מיר אויסזעהן, ווי פַּחְדָנִים. דערפֿאַר אָבער פֿאַר גאָט זענען מיר די ערשטע העלדען, אונז שרעקט ניט קיינע חֲיָלוֹת פֿון דער ערד, מיר לאַכען זיך אויס פֿון מַחֲנוֹת תַּלְיָנִים. גאָט אַליין האָט אונזערע אָבוֹת צום נִצָּחוֹן געפֿיהרט, ער אַליין פֿיהרט אונז איצט איבערצוגעבען צום פֿיינד. ווילט איהר דען, ברידער, מִלְחָמָה האַלטען מיט גאָט?

די שטימע פון דער וואנד: מען זעהט שוין זייערע פנימער. זיי לויפֿען... די האָס געהען פון פֿאָרענט זענען געקליידט אין זילבערנע זשופּאַנען, די הלאָפּעס געהען פֿון הינטען, די האַרמאַטען ביי די זייטען.

קאַסטראַ: פֿרעהט זיך, וועלף! מיר האָבען אייך גערעכט געמאַכט! ווער עס קען ניט נְקָמָה נעהמען פֿער אַ פֿעררעטה, פֿערדיענט ניט קיין טרייהייט.

רבי אהרן: גאָט טהוט מִשְׁפָּט און גאָט נעהמט נְקָמָה. זיי ווינקט דאָס לעבען, די תַּעֲנוּגִים פֿון עוֹלָם־הַזֶּה ציהען זיי! שוין־ושע

וועלען מיר זיי נעהמען נאָכטהון? וואָס פֿאַר א ווערטה האָט פֿאַר אונז דאָס לעבען מיט די וועלטליכע תּענוגים? יודען! אַלץ, וואָס איהר זעהט אַרום אייך: די ערד און אַ'לע ברואים און פֿלאַנצען, דער גאַנצער תּהום שטראַהלען און קלאַנגען, געשטאַלטען און פֿאָרמען, די גאַנצע שענקייט, אלע תּענוגים און שׂמחות, — דאָס איז אַלץ אַ ענגער פֿאָר-הויז ביים פּאַלאַץ, אַ שמוציגער קאָרידאָר פֿאַר דעם טעמפּע'ל. זאָלען ציטערען איבער די אַלע נאַרישקייטען די לייט וועלכע מען לאָזט אין טעמפּעל ניט אַריין, קומט גיכער אין טעמפּעל! אייך ערוואַרטעט דאָרטען דער כּהן גדול!

א שטימע פון דער וואנד: די פֿאָדערשטע האָבען זיך אָב-געשטעלט. מען פֿיהרט-אָן אויף אונז דעם האַ־מאַט.

קאסטרא: ברידער! אָ, ווען איך וואָלט געקענט מיין בלוט וואָס איז פֿון צאָרן פֿערגיפֿטעט, איבער־גיעסען אין אייערע שוואַכע הערצער! אָ, הלואי וואָלט איך געקענט אייך ריהרען מיט מיינע טרערען, מיט וועלכע איך בעוויין יעצט מיין לעצטע האָפֿנונג! איך בעט זיך ביי אייך, איך יאָמער פֿאַר אַייך: שוינט אייערע קינדער, דעם קומענדען דור! ניט לאָזט זיי אין ירושה אַזאַ חרפּה! אָ, בעוויזט כאָטש איין מאָל, אַז איהר זענט — מענשען! עס איז נאָך ניט שפּעט! מיר קענען זיך נאָך פֿערטהיידיגען! דאָס לעצטע מאָל רוף איך צו אייך, ווער איז מיט מיר? — זאָל יענער אויפֿהייבען, ווי איך, זיין האַנד צום הימעל. (אַ שטיל שווייגען). וואָס הייסט עס? איין האַנד אַפּילו האָט זיך נישט אויפֿגעהויבען? (הינטער דער וואַנד דערהערט זיך אַ שאָס פֿון אַ האַרמאַט).

קולות: רבי, רבי! וואָס זאָלען מיר טהון? ראַטעווע אונז!

רבי אהרן: וואָס זאָלט איהר טהון? פֿרענט איהר — וואַרפֿט אַוועק די ניכטיגע און צוברעכליכע געוועהר! (די יודען לעגען אַוועק דאָס געוועהר) אַצינד לאָמיר זיך אָנוואָפּענען מיט אַ אייביגען געוועהר — מיט הייליגע תּפלות. (הינטער דער וואַנד הערט זיך אַ צווייטער שאָס) יודען! פֿאַלט כּורעים פֿאַר דעם שטאַרקען גאָט! זייט אַלע מתפּלל. די שעה פֿונ'ם טויט קומט שוין אָן. (די יודען, אויסער קאסטרא'ן, פֿאַלען אויף דער ערד. פֿון פֿירשט'ס הויף לויפֿט אַרויס די וואַך. אויפֿ'ן באַלקאָן הייבען זיך אָן אַרויסצושיטען די פּריצים).

זעקסטער אויפטריט.

סינעלסקי: שנעל קלויבט צוזאַמען דאָס געוועהר. רינגעלט זיי אַלעמען אַרום! דערנאָך עפֿענט אויף די טויערען! זאָלען זיי די קאָזאַקען הינטער'ן וואַל פֿעריאָגען. און זייער גוטס פֿערנעהמען. דאָ זאָל זייערם איין טראָפּען בלוט ניט פֿערגאָסען ווערען! גיכער, חֶבְרָה! (די וואַך ערפֿולט סינעלסקי'ס בעפֿעהלען. מען קלויבט צונויף דאָס געוועהר, אייניגע לאָזען זיך צו די טויערען).

קאַסטרא (אַוועקוואַרפֿענדיג דאָס געוועהר): אָ, זיי פֿערפֿלוכט, דו פֿאָלק פֿון אונגליקליכע פַּחְדָנִים!

רבי אהרן (איז מתפלל אויפֿ'ן קול, דער עולם זאָגט נאָך): דו, גערעכטער גאָט! האָסט מיך בעשאַפֿען און דו ווייסט אַלע מיינע מַחֲשָׁבוֹת דען איך בין דאָך נור אַ בָּשָׂר־וָדָם... מיין יסוד איז פֿון דער ערד און מיין סוף איז צו דער ערד... איך בין געגליכען צו אַ צובראָכענעם שאַרבען, צו אַ פֿערטריקענט גרעזעל, צו אַ פֿערוועלקט בלימעל, צו אַ שאָטען, וואָס פֿערשווינדט, צו אַ וואָלקען, וואָס פֿליהט־דורך, צו אַ ווינד, וואָס געהט־איבער, צו אַ שטויב, וואָס ווערט צושפּרייט און צו אַ חלום, וואָס ווערט צו נישט. אָבער דו ביזט אַ מֶלֶך, אַ האַרר, מאַכסט לעבעדיג און ביזט אייביג... (די קאָזאַקען רייסען זיך אַריין מיט קולות אין די טויערען פֿון פֿעסטונג).

(פֿאָרהאַנג).

פֿיערטער אקט.

(עס שטעלט פֿאָר אַ וויזע, פֿון אַלע זייטען ארומגעצוימט. יודען מיט זייערע ווייבער און קינדער זיצען און ליעגען אין פֿערשיעדענע פּאָזען. רבי אהרן איז אַרומגערינגעלט פֿון פֿיעל אויפֿמערקזאַמע צוהערער. קאסטרא זיצט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ צום ברוסט. איבער איהם, מיט פֿערבראָכענע הענד, שטעהט שרה. אין דער מענגע הערען זיך טיעפֿע זיפֿצען, קינדערשע געוויינען, געשרייען).

ערשטער אויפֿטריט.

רבי אהרן: אַ רוימישער גרויסער־מאַן האָט געפֿרעגט ביי רבי עֲקִיבָא'ן: „ערקלער מיר, רבי, פֿאַר וואָס ווילען ניט די יודען, וואָס ווערען אומעדום אַזוי פֿערפֿאָלגט און געראָדפֿט, ארויסטרעטען אָפֿען קעגען די שׂונאים מיט געוועהר?“ און דער הייליגער מאַן, וואָס איז געפֿאַלען פֿאַר קִדוּשׁ־הַשֵׁם, האָט געענטפֿערט מיט אַ מָשָׁל: „אין אַ גרויסען טייך פֿלעגט אַ פֿישער אַ העכט האַפּען פֿישעליך. זיי האָבען זיך נעביך לאַנג געוואָרפֿען ביז זיי זענען לסוף צוגעשוואומען צום ברעג. אַ פֿוקס האָט זיי דאָ דערזעהן און האָט צו זיי געזאָגט: אָ, איהר נאַרען! צו וואָס זיצט איהר אין טייך, שפּרינגט געשווינד אַרויס אויפֿ'ן ברעג און איהר ווערט גלייך ניצול פֿון בייזען העכט. די פֿישעליך האָבען אָבער אַזוי געענטפֿערט: מַה־דאָך אַז אין טייך, וואָס איז אונזער בעקאַנטע, שטענ־דיגע היים, קענען מיר זיך ניט רעטען פֿון די רויבער, פְּשִׁיטָא שוין אויפֿן פֿרעמדען ברעג! אַזוי זענען אויך די יודען: מַה־דאָך אַז מיר דיענען אונזער פֿאָטער אין הימעל קענען מיר ניט נִיצוֹל ווערען פֿון בייזע רְדִיפוֹת, היינט וואָס קען מען שוין ערוואַרטען אויף אַ שלאַכט־פֿעלד, וואָס איז ווילד־פֿרעמד פֿאַר אונז?“

אַ יודישע ווייביל: וויין נישט, מיין קינד, ניט צערדרייס מיר מיין האַרץ! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וואו נעמט מען אביסעלע מילך? פֿון הונגער זענען מיינע בריסט שוין לאַנג איינגעדאַרט.

אַ יוד: וואָלטען שוין האָטש די רוֹצְחִים גיכער געקומען, צו וואָס זאָל מען נאָך אונז אַזוי לאַנג פּלאָגען פֿון הונגער?

רבי אהרן: אָ, ברידער! זיי ווילען שוואַכער מאַכען אונזערע הערצער, כְּדֵי זיי זאָלען קענען גיכער אונז איבערערדען. מוטהיגט זיך, ברידער! דער בַּעַל־נְקָמָה איז אין הימעל. הערט אויס אַ שענע מַעֲשֶׂה: רבי חנינא בן דוסא'ן האָט אַ בּיס געטהון אַ שלאַנג, און דער בּיס האָט איהם גאָר ניט געשאַדט. די שלאַנג אָבער האָט מען אין איהר נעסט אַ טויטע געפֿונען. אַז די תַּלְמִידִים זיינע האָבען זיך דערפֿון דערוואוסט, האָבען זיי געזאָגט: וועה איז דעם מענשען, וואָס אַ שלאַנג גיעט איהם אַ בּיס, וועה איז אָבער דער שלאַנג, וואָס זי האָט ר' חנינא'ן אַ בּיס געטהון. און דאָס, וואָס זיי האָבען געזאָגט וועגען דער שלאַנג, קען דאָס געהן אויף אַלע שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל.

דאָס יודישע ווייבעל: אוי, גיעט אַ קוק אויפֿ'ן קינד!.. עס איז אין גאַנצען גרין געוואָרען... די אויגען פֿערמאַכט... אָטהעמט נישט... אוי, ראַטעוועט מיין איינציג־קינד!

שטימען: שוויג, יודענע! אַך די ווייבערשע טרערען! אָהן דיר איז אונז אויך זעהר זיס... וואָס ווילסטו? דאַנק גאָט, וואָס ער האָט שוין בעפֿרייט דיין קינד פֿון אַזוינע ברענענדיגע יסורים.

שרה (גלעט מיט'ן האַנד איבער יוסף'ס קאָפּ): ערוואַך זיך, מיין פֿריינד! ערוואַך זיך, מיין ליעבער מאַן! דאָס בין איך דאָך, דיין ווייב, דיין שרה! פֿאַר וואָס שווייגסטו? גענוג דיר שוין אַזוי פֿערקלערט צו זיין, מיין פֿריינד! ענטדעק מיר דיינע רעיונות! טהייל זיך מיט מיר מיט דיין צער. אפֿשר וועט דיר גרינגער ווערען, הערסט, וואָס איך רעד צו דיר? ענטפֿער! יוסף, מיר איז אַזוי שווער, אַזוי שרעקליך! מיט דיר, מיין פֿריינד, האָב איך אַפילו פֿאַר'ן טויט קיין מורא ניט! גיעב נאָר איין בליק אויף מיר! אָבער דו שווייגסט! אוי, וועה איז מיר!

קולות: קאָזאַקען! עס געהען אַהער קאָזאַקען!

רבי אהרן: ברידער! דאָס פענסטער אין הימעל האָט זיך איצט געעפֿענט און גאָט קוקט אויף אונז. ניט דערצאָרענט איהם! ניט דער־צאָרענט דעם הימלישען פֿאָטער! דער שכר איז שוין באַלד! (עס קומען אריין רעכטס: קריוואנאס, יוריוס, גריב, ריאסא און אנד. קאזאקען. קריוואנאס האלט א ווייסע פֿאָהן, וועלכע ער שלאָגט אריין אין דער ערד).

צווייטער אויפֿטריט.

(די זעלבע און די קאָזאַקען).

קריוואנאס (שטעהט ביי דער פֿאָהן): יודען! איהר זעהט, גאָט האָט אייך איבערגעגעבען צו אונז אין די הענד פֿאַר אַלע בעליידיגונגען און עולות, וואָס איהר האָט אונז אָנגעטהון, דערפֿאַר וואָס איהר האָט געשענדט אונזערע קירכען, דערפֿאַר וואָס איהר האָט שיינקען געהאַלטען, געאַרענדעט, מיט די פּריצים צוזאַמען אונזער בלוט געטרונקען, נו, איצט איז שוין אַ סוף פֿון אייער ממשלה אין אוקראינע, די וואָראָנעס אַפילו קוקען אייך שוין אויס פֿון דער הויך, נאָר כדי גאָט און לייט זאָלען וויסען, אַז מיר זענען ניט קיין רשעים, בין איך מודיע: ווער עס

וויל אַרויסטרעטען פון יודישקייט. און אויפ'ן האַלז אַהיילינגען „צֶלֶם“ אָנטהון, יענער זאָל אַרויס צו אונז און זיך שטעלען אונטער דער היילינגער פאָהן, ווערט ער גלייך פריי און ווי אַ ברודער וועלען מיר איהם ברויט און זאַלץ געבען. ווער עס וויל זיך רעטען זאָל אַרויסגעהן (אַ שטיל שווייגען). און אויב איהר ווערט אַלע זיך בעפריינדען מיט אונז אין כּריסטענטום, וועלען מיר אייך אַלע שוינען, אייך און אייערע קינדער, און דאָס גאַנצע פערמעגען וועלען מיר אייך צוריק אומקערען און וועלען אייך אָפּלאָזען בְּשָׁלוֹם (אַלע שווייגען). דאָס לעצטע מאָל, יודען, מעלד איך אייך, נאָכדעם ווערט שפּעט זיין, קלויבט אייך אויס: אָדער דעם גרויזאַמען שווערד אָדער די היילינגע פריעדליכע פאָהן, די בְּרֵירָה איז ביי אייך.

רבי אהרן: צו וואָס דאָס לאַנג וואַרטען? איהר מיינט, איהר וועט אונז איבערעדען? ס'איז אומזיסט. מיר זענען שוין געוועהנט צו ליידען, פונקט ווי איהר זענט געוועהנט אונז אָנטהון די ליידען. טהוט שוין אָפּ געשווינד דאָס, וואָס איהר האָט פערטראַכט. אָבער איהר אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ, זאָלט וויסען: אונזער גאָט איז דער איינציגער מֶלֶךְ פון ערד און הימעל! דער דאָזיגער אייביגער גאָט איז אונזער בּאַרמהערציגער פאָטער. מיר זענען זיינע געליעבטע קינדער. און איהר אָבער זענט שקלאַווען, איהר דיענט נור איהם, ווי אַ בלינד געוועהר אונז צו שטראָפען פאַר אונזערע חֲטָאִים. שטענדיג קלויבט אויס גאָט רְשָׁעִים, רוֹצְחִים, פאַר תַּלְיָנִים אום צו ערפולען זיין פורכטיגען מִשְׁפָּט. צַדִּיקִים וועט גאָט פאַר אַזוינע שלוחים ניט מאַכען. איהר זענט אונזערע שונאים און דעריבער דאַרפט איהר דאָס אויספיהרען. אויב איהר וועט עס ניט טהון, וועט גאָט אַנדערע דיענער, אַזוי ווי איהר, געפינען: הונגעריגע וועלף און ווילדע בערען.

קריוואַנאָס: קאָזאַקען, האָט איהר געהערט? מיר זענען וועלף! נו, מֵילָא זאָל זיין, ברידער, אַזוי; איין איינגעשפּאַרטע ציעג קומט טאַקי פאַר וועלף צוניטץ.

ריאַסאַ: אַי אַ ציעג אַביסעל! חאָטש זי האָט זיך איבערגעריסען, אָבער זי האָט זיך ניט אונטערגעגעבען.

איין פויער: אָט איז דער פּאַן אַרענדאַר!

אַ צווייטער: וואו איז שלמה, וואו איז ער?

גריב: שלעפּט איהם אַהער! (מען ברענגט צו פיהרען אַן אַלטען יודען, די קאָזאַקען רינגלען איהם אַרום).

קולות: וואָס מאַכסטו, פּאַניע? — שריי ניט, יורקע, וועסט נאָך חלילה מירה׳לען אויפוועקען: — איך וועל ני׳שט אויפוועקען: מירה׳לע איז דאָך שוין אַ פּגירה׳לע. — שאַבאַש! שלמה איז שוין אוים שענקער! — ער וועט שוין ניט קויפען קיין גנבה׳שע זאַכען.— ער וועט שוין ניט פערקויפען אומריינע וואַסער פאַר בראָנפען. — ער וועט שוין ניט פערשרייבען אין רייסטער פאַר אַ גראָשען אַ גריווניע.

קולות און נאך א גרופּע: לאָז איהם אָב. ר׳ איצקע איז אַ טייערער יוד! אַ גליכע נְשָׁמָה, ווי אַ הָזירשער עק, — ווי אַ ראָד,— ווי אַ קאָטשערע. — איצקע, דו ביזט אויך אַ טייער־קינד ביי גאָט?— יודען זענען אַלע גאָטס טייערע קינדער? זיי איז ווייניג די ערד, אַפּילו גאָט ווילען זיי נעמען אין אַרענדע. — האָסט אַ סך פאַר גאָט בע־צאָהלט? — ער האָט אַוודאי געגעבען צעהן גלאַטע פערציגער און פע־קויפט פאַר דרייסיג נייענקע: דריי מאָל אַזוי פיעל! — ער שווייגט!— דער צונג האָט איהם אָבגענומען. — אַ מיאוסע צונג! אָבנעהמען זאָל מען זי דערפאַר!

קריוואנאס: יאָרט, ברידער! וואו איז יוריום? יוריום! ביזטו שוין דערגאַנגען, פאַר וועמען מען קען אַ פעטען פּדיון בעקומען?

יוריום: פאַר׳ן אַלטען רב, מען רופט איהם אַראָנקאַ. ער האָט אין לעמבערג אַ רייכען ברודער.

קריוואנאס: ראַבי אַראָנקאַ! אַהער!

רבי אהרן: וואָס דאַרפסטו?

קריוואנאס: דאָס ביזטו טאַקי? נו, זשיד, דיין גאָט איז אַ מַזָל׳דיגער. איך וועל דיך שוין דעם ברודער דיינעם ניט ביליג פער־קויפען. בינדט איהם און דערנאָך שמידט איהם צו צום האַרמאַט. (מען לאָזט בינדען דעם אַלטען רב און מען פיהרט איהם אָפּ אין אַ זייט). און נאָך עפּעס סחורה איז ניטא?

יוריום: איך געדענק נישט, דאַכט זיך ניטאָ.

קריוואנאס: און וואו איז יענער יוד, וואָס האָט מיט אונז אַלײן מלחמה געהאַלטען? ער איז, בְּנֶאֱמָנוּת מיינער! איך וועל איהם אַפילו דעם טייוועל ניט אָבלאָזען.

יוריום: אָט זיצט ער.

קריוואנאם: ביזט דאָך טאַקע נאָר אַ שטאָלצער. מיר אַלע שטעהען און דו זיטצט. קוקסט גאָר ניט אֲפִילוּ. דו ביזט נאָר ניט גע־ראָטען אין אַנדערע. דיך וועל איך הייסען, אַז מען זאָל וואָס שענער אויספּוצען: רֵאשִׁית וועל איך דיך אָנטהון אין רויטע זאָקען...

שרה: אָ, מיין הערר, זיי איהם מוחל! ניט שטאָלצקייט, נאָר זיין קריינקשאַפֿט האָט איהם צוגעשמידט צו דער ערד. דעם דריטען טאָג זיצט ער אַזוי שוויגענדיגערהייט. שלאָפֿט ניט, האַלט אָפֿען די אויגען, זיי קוקען אַרוים מיט אַ שטומען שרעק, ניט מיט ווערטער, ניט מיט טרערען קען איך אויף איהם ניט ווירקען, אַז ער זאָל קומען צו זיך.

גריב: אָט, וואַרט אַ ווײַלע, מיר וועלען איהם גיך צו־זיך ברענגען.

קריוואנאם: ער איז דיין מאַן?

שרה: יאָ, אָ, איך בעט אייך האָט נור רַחֲמָנוּת, וועלען מיר גלייך פֿון דאַנען אויף תָּמִיד אַוועק. מיט איין האַנד וועל איך מיין מאַן פֿיהרען, מיט דער צווייטער וועל איך בעטען ביי מענשען הילף.

קריוואנאם: אָט אַ טייוועלשע שענהייט! ווייסט אַליין נישט, צו אַריינקריכען צו איהר אין בוזעם, צו נעהמען זי צו זיך אין בוזעם? איך וועל דיך שוינען. זאל מען זי גלייך אבפֿיהרען אין מיין געצעלט!

שרה: ראַטעוועט!... מיין גאָט! שיק מיר דעם טויט!.. יוסף!

גריב: עַקְשָׁן זיך נישט איין, גענוג דיר כִּשׁוּף צו מאַכען.

שרה: שטעהט. אמת טאַקי, איך האָב זיך דערמאָהנט. נו, אז איך וועל געבען עפּעס אַיין אויסקויף, וועט איהר מיך הרג'נען?

קריוואנאם: דו וועסט איין אויסקויף געבען. אַדְרַבָּא, לאָמיר הערען וואָס?

שרה: איך קען מאַכען, אַז אויף דיר זאָל ניט שׁוֹלֵט זיין קיין שום קויל.

ריאסא: אהער, ברידער, גיכער! דאָ איז אַ מְכַשֵּׁפָה. אַ צויבערען.

קריוואנאם: הער אוים, אויב דו זאָגסט אֱמֶת, וועל איך אַלעמען שוינען.

שרה: אֱמֶת.

קריוואנאס: ווי אַזוי קען איך עס וויסען אַז דו זאָגסט אֱמֶת? קענסטו, אַ שטייגער עמיצען פֿון אונז שוין אויס׳ן אָרט פֿערכַּשופֿן.

שרה: ניין, איך קען ניט. צוויי וואָכען מוז איך דערצו האָבען.

קריוואנאס: גוט, איך וועל וואַרטען. אָבער אויב דו וועסט אָבנאַרען...

שרה: איך וועל נישט אָבנאַרען. איבריגענס קענסטו זיך שוין ערקונדיגען, דאָ איז פֿערהאַן איינער, וואָס איז שוין פֿערכַּשופֿ׳ט אַזוי!

קריוואנאס: דאָ? ווער איז דאָס?

שרה: איך אַליין.

קריוואנאס: דו אַליין?! אָט איז אַ חִדוש! און קיין קויל וועט דיך טאַקי ניט נעהמען? מיר וועלען זעהען!

שרה: קיין קויל ניט! קענסט מיך הרג׳נען מיט אַ שווערד, מיט פֿייער, מיט וואַסער, אָבער נישט מיט אַ קויל!

קריוואנאס: און עס מאַכט ניט אויס וואו איך זאָל אין דיר ניט שיעסען?

שרה: האָטש אַפִילו אין ברוסט. יוסף, גיעב אַ קוק, אוי גיעב נאָר אַ קוק!... יוסף!...

קריוואנאס: איך וועל שיעסען אין קאָפּ (ער שיעסט, שרה פֿאַלט אנידער טויט) זי האָט אָבגענאַרט, דער טייוועל!

גריב: אָהן אַ ליעגען קען אַ יוד אַפִילו ניט פֿגר׳ן.

קאַסטרא (חאפט זיך אויף פֿונ׳ם שאָס, קוקט אויף שרה׳ס טויטען קערפער, פֿאַלט נאָכדעם אויף די קניע, חאפט קריוואנאס׳עס האנד און קושט זי) ערבאַרעם זיך, ערבאַרעם זיך! תַּליון דו, שרה׳ס רוצח! זעהסט, איך קוש די האַנד, וואָס האָט זי ערמאָ־דעט... דו וועסט אַלע אויסהרגנ׳ען! דו פלאַקערסט איצט פֿאַר שִׂמְחָה פֿון נְקָמָה... דו ביזט דער נקמה־נעהמער פֿאַר׳ן בעליידיגטען פֿאָלק! גאָט ווייס דעם אמת, אַז איך בעשולדיג דיך נישט! האָב־זשע אויף מיר רַחֲמָנות אין נאָמען פֿון נְקָמָה, און שענק מיר נור דריי טעג!... לאָז מיר נור זעהן, ווי אַזוי דו וועסט זיך אַריינרייסען אין שטאָדט, ווי אַזוי דו וועסט די אויס־וואורפֿען פֿייניגען... איך וועל זייער יאָמערן פֿערטויבען מיט אַ היל־

כענדיגען געלעכטער. איך וועל שרייען צו זיי: אהא! עס איז עפּיס געשמאק די פריינדשאפט מיט די גוטע פריינד, די קאזאקען? אפשר צו שטארק אומארמען זיי אייך? איז אפשר שוין צו ברענענדיג זייערע קושען ביי׳ם בעגעגעניש?... חא—חא—חא!... נאכדעם — בין איך דיינער. נאכדעם וועל איך פון מיינטוועגען אויסטראכטען אזוינע ענוים קשים, אז אפילו דו וועסט פאר רחמנות זיך צו־וויינען.

קריוואנאס: כ׳לעבען, דעם זשיד׳ס רעדע געפעלט מיר זעהר. ער האט א גלאט־צינגעל. מילא, זאל בלייבען אזוי, זאל ער דערווייל לעבען. (קאסטרא׳ן בינדט מען און מ׳פיהרט אוועק) נו, יודען! קיינער וויל נישט שטעלען זיך אונטער דער הייליגער פאהן? איהר ענטפערט מיט א־שווייג. אויב אזוי — טויט! האקט אלעמען! (א יאמער פון עולם).

(פארהאנג).

פינפטער אקט.

ערשטעס ביל ד.

(די דעקאראציע פון פיערטען אקט. א וויזע, ווי ווייט עס חאפט דאס אויג, אינגאנצען פערזעעט מיט הרוגים. רבי יוסף קאסטרא צוגעשמידט צום הארמאט).

ערשטער אויפטריט.

קאסטרא: (אליין) איך קען מיינע אויגען ניט אבריסען פון די שרעקליכע בילדער. דער געשטאנק פערהאפט דעם אטהעם. און דאך בין איך ווי צוגעשמידט מיט מיין גאנצער זעעלע צו דעם דאזיגען פעלד פון טויט, אזוי ווי איך בין מיט מיין גוף צוגעשמידט צום הארמאט. איך האב קוים איינגעבעטען זיך ביי די אכזרישע תלינים, אז זיי זאלען מיר ערלויבען צוקוקען זייערע מעשים... מיין ציעל איז אזא געוועזען. איך האב מורא געהאט, אז אין דער זיסער רגע פון געוואונשטער בעלוינונג זאל דאס געפיהל פון רחמנות ניט אריינדרינגען אין מיין ברוסט, אז דער קוואל פון וואַרמע פערבארגענע טרערען זאל ניט

פלוצלונג אונטערשווינקען אין מיין נְשָׁמָה די גאַנצע נְקָמָה־געבײדע. דעריבער האָב איך בעשלאָסען, אַוועקשטעלען די דאָזיגע געבײדע אויף אַ האַרטען פעסטען גרונט. אַזוי האָב איך בעשלאָסען. אָבער אין דעם פערלויף פון די דריי טעג האָב איך דערפיהלט ווי אין מיין האַר׳ץ וואַקסט עפּעס גאָר אַנדערס, עפּעס גרויסעס, וואָס איך האָב עס ביז איצט ניט קלאָר בעגריפען... דריי טעג, דריי אונענדליכע טעג, דריי נעכט האָב איך נור געהערט אַ ווילדען יאָמער און אַ ווילדען געלעכטער צוזאַמען צונויפגעפלאָכטען, ווי די רינגעליך פון שלאַנג מיט די גליעדער פון׳ם קָרְבָּן, וואָס זי פלעכט אַרום. דריי טעג האָט מיך אַרומגענומען אַ נעפעל, וועלכער האָט זיך געבילדעט פון די אויסדעמפפונג פון היים בלוט. דריי טעג האָב איך געקוקט ווי אַזוי עס האָבען זיך מענשען געפלייסט וואָס מעהר צו פייניגען זייערע קָרְבָּנוֹת, בייסען מיט די צייהן, די געדערעם זייערע... מענשען? אַז מענשען וואָלטען זיך געקענט אַליין בעטראַכטען אין זייער ווילדען אַכְזָרִיוּת׳דיגען צושטאַנד וואָלטען זיי אַ נאָמען גענעבען מענשען — די ווילדע טיגרעס, און פאַר מענשען וואָלטען זיי קיין נאָמען ניט געפונען... אָן ליעגט דאָרט אַ פאָטער מיט אַ טאָכטער. לאַנג האָט דער טאַטע רַחֲמִים געבעטען פאַר זיין טאָכטער. די רוֹצְחִים אָבער האבען זיי ביידען פָּנִים אֶל פָּנִים צוזאַמענגעבונדען און מען האָט זיי גענומען פאַמעליך צו בראָטען... פריהער האָבען זיי געקרעכצט, נאָר שפּעטער זענען זיי פון די ווילדע יסורים ווי שִׁכּוֹר געוואָרען, און האָבען זיך איינגעגעסען איינער אין דעם אַנדערען אין די פְּנִימ׳ער און ווי שוֹנאִים האָבען זיי די אויגען מיט די נעגעל געריסען. און די תַּלְיָנִים האָבען זיי נאָך גערייצט און געלאַכט. דאָרטען האָט מען אַ קינד אויף צווייען צעריסען פאַר דער מוטער אין די אויגען און איהר פנים האָט מען אַריינגעשטעקט אין דעם קינד׳ס געדערעם און די מוטער איז דערשטיקט געוואָר׳ען אין איהר קינד׳ס בויך... און איך האָב אויף אַל׳ץ געקוקט... בעטרונקען פון דעם דאַמפף פון היים בלוט בין איך אַנשלאָפען געוואָרען, און האָב זיך ערוואַכט, אויפגעוועקט פון דעם נעשטאַנק פון די ברענענדיגע קערפערס... צייטענווייז פלעגט מיט אַ מאָל אַ שלייער פון פלאַמען ארומוויקלען מיין האַר׳ץ, דאָ בין איך שוואַך געוואָרען, אַז איך האָב געמיינט, אַט געה איך שוין אויס. און דאָ האָב איך אין זיך דערפיהלט שִׁמְשׁוֹנ׳ס

גבורָה. היינט געה בעגרייף דעם מענשענס נְשָמָה! יעדעס מאָל ווען די תַּלְיָנִים פלעגען, מיעד ווערענדיג, אָברוהען, פלעג איך מיט ווילדען אונגעדולד ווארטען ביז זיי וועלען זיך אויפחאפען און ווידער אָנהייבען... און אַז איך בין אַ קינד געוועזן האָב איך געהאַט אַ נאָמען פאַר אַזאַ ווייכהערציגען. שוין־זשע בין איך אַן אַכְזָר געוואָרען? ניין, קיינמאָל האָט אַזוי ווי איצט אין מיין ברוסט דאָס האַרץ ניט געשלאָגען אַזוי טיעף און ברייט! איך זעה ביי זיך אַליין אוים ווי אַ רעטעניש. איך פערשטעה איצט אַליין ניט דעם תּוהו־ובוהו פון מיין נְשָמָה. נאָר וואונדערליכער פאַר אַלץ איז דאָס, וואָס עפּעס אַ קראַפט האַלט מיך נאָך אַפילו איצט אָב צו בעפרייען מיין אונגעדולדיגע נְשָמָה פון איהר תְּפִיסָה, דעם חומר, וואָס איז שוין כִּמְעַט חָרוּב. עפּעס אַזוי ווי פון הימעל הער איך רופען אַ שטימע: „שטאַרק זיך, שטאַרק זיך, דאַרפסט נאָך לעבען!“ און איך שטרענג־אָן אַלע גייסטיגע כוחות, כְּדֵי ניט צו פאַלען אונטער די בערג צָרוֹת און יסורים, און איך ווייס, אַז איך וועל זיי דערטראָגען — אָבער וואוהין?

צווייטער אויפטריט.

(עס געהען־אַריין קריוואנאס, גריב, ריאסא און אַנדערע קאָזאַקען).

ריאסא: און דער דאַרער יוד קוקט אַלץ און קען זיך ניט אָנקוקען.

קאסטרא: איך וואַרט, ווען וועלען מיר פון דאַנען אַוועקגעהן.

קריוואנאס: קענסט זיך פרעהען. מיר וועלען זיך באַלד לאָזען אין וועג, און ביי נאַכט קעהרען מיר זיך אום.

קאסטרא: ווי? היינט?

קריוואנאס: ביזטו דען נישט צופריעדען?

קאסטרא: הלוואַי זאָל איך נור ביז נאַכט דערלעבען.

קריוואנאס: ע, וועסט דערלעבען! איהר זענט אַ לעבעדיג־פעלקעלע. דערפאַר טאַקי זענען מיר אַהער נעקומען. וועסט באַלד עפּעס זעהן. (הויך וועגדענדיג צו די הרוגים) אויב עס געפינען זיך אונטער די הרוגים אַזוינע לייט וואָס האָבען זיך בעהאַלטען און וואָס לעבען נאָך׳ קענען זיי אָהן פַּחַד אַרויסגעהן. אונזער שווערד איז אַייערע קעפּ שוין

אריבער, מיר זענען שוין גענוג זאט מיט בלוט און מיר שענקען אייך אלעמען דאס לעבען, (א שטיל שוויגען) נו, שוטים, קריכט ארויס. או אויב איהר גלויבט מיר ניט, וועל איך נאר א פייף טהון און וועל איבער אייך דורכפיהרען מיין גאנצע מחנה.

דריטער אויפטריט.

(פון אלערליי ערטער שטעהען אויף יודען מיט פערשווארצטע געזיכטער און אין שמאטעס). איך האב טאקי געוואוסט! לעבהאפטער פון טאראקאנעס. איהר זייט פריי און קענט אייך געהן וואוהין יעדער וויל.

גריב: זיי פאלען פונ'ם ווינט, זעה נור.

ריאסא: יא, דער הונגער איז ניט קיין לייבליכער ברודער.

קריוואנאס: עה, יודעליך ווארט אביסעל. לויפט ניט! אז איך זאל וועלען קען איך דאך אייך סיי ווי סיי דעריאגען. אט אזוי. קומט אהער, גאר אהן מורא. ווי דאר, ווי שווארץ! טאקי ווי טאראקאנעס! איהר זענט הונגריג, הא? זאגט!

די יודען: איך וויל א טרונק. — איך אויך. — איך אויך!

קריוואנאס: אט האט איהר וואסער, טרינקט! אט האט איהר ברויט, עסט! און אט האט איהר צו ביסליך געלד. (די יודען ווארפען זיך צו זיינע פיס) גענוג! נו שטעה־ט־אויף און געהט געזונטערהייט, נאר זעהט! פאלט א צווייטען מאל ניט אריין! (די יודען אב).

פיערטער אויפטריט.

גריב: ווי זיי זענען זיך אביסעל צולאפען!

ריאסא: יעדערן איז טייער זיין נפש.

גריב: די נשמה, ברודער־לעבען, איז ניט קיין שכן — וועסט זי ניט ארויסווארפען.

ריאסא: טרייבסטו זי אבער ארויס איז שוין „זיי געזונד"!

גריב: עהע! מיט א פ־אקען וועסטו אין קבר ניט פערטרייבען און מיט א קוילעטש וועסטו צוריק ניט פערנא־ען.

קריוואנאס: עָה, חאַפּט עֶס דעֶר רוח — אַזוֹי צו אַזוֹי — איין מאָל לעֶבּט מעֶן אוֹיף דעֶר וועֶלט! קוּמט ברידעֶר! (צו קאסטרא) מיר וועֶלעֶן באַלד קוּמעֶן צוּריק (זיי געהען אַוועק).

פינפטער אויפטריט.

קאסטרא (קוקט אין יענער זייט, וואוהין די יודען זענען אַוועק): זיי לעֶבּעֶן! זעֶנעֶן לעֶבּעֶן געֶבּליעֶבּעֶן! מיט גאָט'ס הילף! זיי זעֶנעֶן פוּן טויט ניצול געֶוואָרעֶן און האָבּעֶן זיך ווידער געֶלאָזעֶן בלאָנדזעֶן איבּעֶר דעֶר וועֶלט ווי קַיִן, ניין! קַיִן האָט אוֹיף דעֶם שטעֶרן געֶהאַט אַ צייכעֶן, וואָס האָט אין יעֶדעֶן עֶרוועֶקט שרעֶק פאַר איהם, זיי אָבּעֶר האָט גאָט מיט אַנ'אַנדער צייכעֶן בּעֶשעֶנקט, זיי זעֶנעֶן לעֶבּעֶדיג. אין זייעֶרעֶ גרעֶסטעֶ צָרוֹת, אָבּעֶר זיי לעֶבּעֶן! זאָל אוֹיף זיי די גאַנצעֶ וועֶלט אוֹיפשטעֶהן, אַלעֶ רוּחוֹת רָעוֹת און שלעֶק — זיי לעֶבּעֶן, ווי דעֶם מַזָל אוֹיף צו לְהַכְעִיס! אוּנשטעֶרבליכקייט — דאָס איז זייעֶר מאַכט און קְלָלָה... אַלעֶ פעֶלקעֶר אוֹיף דעֶר וועֶלט האָבּעֶן זיי פעֶרשטויסעֶן, דעֶרפאַר האָט גאָט מיט זיי מיטלייד! עֶר האָט פעֶררופעֶן דעֶם מַלְאַךְ־הַמָוֶת און האָט איהם געֶזאָגט: זעֶהסט דאָס פאָלק, וואָס לײַדט אַזוֹי פיעל, וואָס אַלעֶ האָבּעֶן זיך פוּן איהם אָבּגעֶוואָרפעֶן, וואַרף זיך אויך דו אָבּ פוּן איהם; און דעֶר מַלְאַךְ־הַמָוֶת האָט זיך פוּן זיי אויך אָבּגעֶוואָרפעֶן. (קריוואָנאָס קעהרט זיך אום צוריק).

זעקסטער אויפטריט.

(קאסטרא און קריוואנאס).

קריוואנאס: מיר לאָזעֶן זיך אין וועֶג! זעֶנעֶן זיך מיט די געֶשטאָרבּעֶנעֶ.

(פאָרהאַנג).

צווייטעס בילד.

(די זעלבע דעקאָראַציאָן פון דעם צווייטען בילד אין דריטען אַקט: דאָס פּלאַץ פאַר דעם פּאַלאַץ און די פעסטונגס־טויערען, איז אילומינירט

מיט אַלערליי לאַמטערנעס. פֿון די אָפֿענע פֿענסטער אַרויס הערט זיך מוזיק. ביי די רייך פֿערפוצטע טישען זיצען פריצים און פריצטעס. די בעדיענטע דערלאַנגען יעדערן וויין).

ערשטער אויפֿטריט.

סינעלסקי: דעם פּאַן זשובר'ען דער צוועלפֿטער כוס!

זשובר: פֿאַר דעם געזונד פֿון די דער'הרג'עטע זשידעס! (ער טרינקט).

אויסגעשרעהען: וויוואט! וויוואט!

סינעלסקי: דעם פּאַן סטרוסי'ען דער צוועלפֿטער כוס!

סטרוסי (נעהמט דעם כוס אין האַנד און וויל עפּעס זאָגען, אָבער ער פֿאַלט אַרונטער אונטערן באַנק און גיעסט אויס דעם וויין).

סינעלסקי: דער געוועט איז געענדיגט. דער פּאַן זשובר זאָל קושען דאָס פּיסעל פֿון וועלכער פּריצטע ער וויל, און סטרוס'ען דאַרף מען אָבגיעסען מיט קאַלט־וואַסער. (דער פּאַן זשובר לאָזט זיך צו דער פּירשטין און פֿאַלט אַנידער) דעם פּאַן זשובער'ן דאַרף מען אויך אָבגיעסען. עך, היינטיגע יונגע לייט! אמאָל פֿלעגט ערשט נאָך דעם צוועלפֿטען כוס אָנהייבען דער געוועט.

די פּירשטין: אָט האָבען זיי גאָר גענומען צו דערצעהלען אַלטע מעשׂיות פֿון פֿאַרצייטען, ווען די שליאַכטיטשען פֿלעגען האַפּען קאַבאַנעס מיט הוילע הענד און האָזען — נאָכלויפֿענדיג נאָך זיי! אויך מיר קאַוואַ־ליערען! איינער איז שכּור און דער אַנדערער דערצעהלט, ווי אַזוי זיינע זיידעס האָבען געשכּורט, זינגט חאָטש אַ ליעדעל!

סינעלסקי: איבער אַ ליעד וועט זיך דאָס רעדיל ניט שטעלען. עה, מענשען: האָט ווער סטאַס'ען ניט געזעהן? איז ער ניכטער צו שכּור?

דער בעדיענטער: די גאַנצע וואַכט איז אָנגעשכּור'ט.

סינעלסקי: איך הייס אויפֿזוכען איהם! אַ שאָד וואָס ער איז שכּור! אָט דער חבֿרה־מאַן. דער סטאַס באַבאַן איז דער בעסטער זינגער אַרום דניעפּער. שטאַמט אָבער פֿון קאָזאַקען, אָט וואָס מען זאָגט פּויערשער גייסט! ער איז שוין צעהן יאָהר ביי מיר און קוקט אַלץ אין וואַלד. ניכטער — איז ער אַ זייד, טרינקט ער זיך אָן, ווייס איך ניט

וואָס עס ווערט מיט איהם! איינמאָל, אָט ווי היינט, ביי אַ שִׂמְחָה, בעט איך איהם זינגען. נו, האָט ער אַ זונג געטהון אַזאַ מין ליעדעל, אַז איך האָב איהם געשמיסען און געשמיסען, שיער ניט אויף טויט פֿערשמיסען.

אַ פּריץ: עס איז ניטאָ קיין פֿאַלשערע און קיין פֿערדאָרבענערע זאַך, ווי אַ חלאַפּ. אַמאָל, מיינע העררען, האָב איך בעמערקט, אַז מיין שניידער הייבט אָן קאַליע ווערען. איינמאָל גיעסט ער זיך אויף מיין קונטוש אונגער־ווייַן און אַ צווייטען מאָל, און די פּויערים קוקען און שמייכלען אַזוי בִּשְׁתִיקָה פֿערדאָרבען. נו, טראַכט איך מיר, וואַרט־נור! בקיצור, איך האָב צוזאַמענגערופֿען דעם גאַנצען הויף בעדיענער, האָב אויפֿ'ן הויף אין מיטען אַוועקגעשטעלט די פֿאַס מיט אונגער־ווייַן. טהו זיך אויס! — הייס איך איהם, דעם הולטאַי. ער טהוט זיך אויס. קריך אַריין אין פֿאַס מיט דעם קאָפּ אַראָפּ! — ער שטעהט. עה, חֶבְרָה, רוף איך, רוקט איהם אריין אין פֿאַס מיט די פֿיס אין דער הויך! — אַזוי האָט זיך אַ גאַנצע וואָך זיינע פֿיס אַרויסגעשטעקט פֿון פֿאַס אַרויס. פֿון דעמאָלט אָן זענען אַזוינע מַעֲשִׂיוֹת אויס! מיסקע, געדענקסט ווי אַזוי איך האָב זשערעבילען געטרונקען, האַ?

דער בעדיענער: איך געדענק, גנעאַכפּערטער פּאַן!

דער פּריץ: נו, אויב דו געדענקסט, טאָ דערלאַנג אונגער־ווייַן, נאָר ניט פֿאַרגיעס!

(מען לאַכט, עס קומט אַריין סטאַס באָבאַן).

צווייטער אויפֿטריט.

(די זעלבע און סטאַס באָבאַן).

סינעלסקי: שְׂכּוֹר?

סטאַס באַבאַן: שְׂכּוֹר, צו ניט שְׂכּוֹר, אָבער אין גַן־עֵדֶן וועל איך גלייך אַריין.

סינעלסקי: ווי אַזוי?

סטאַס: וועלכע עֲבֵרוֹת האָב איך דען? — איך וויים נאָר נישט: אַ קליינער געבוירען, אַ שְׂכּוֹר געשטאָרבען — גּעה, נְשָׁמָה מיינע' אין גַן־עֵדֶן.

סינעלסקי: אוי, היינט וועט דיר גלאַט נישט אַראָבגעהן. וואָס איז דאָס — האָסט זיך אין בלאָטע געוואַלגערט?

סטאַס: אַ קאָזאַק איז אַפֿילו שען אין אַ ראַנאָזשע אַליין.

די פֿירשטין: זינג עפּעס, קאָזאַק!

סינעלסקי: זינג! הערסט, די פֿירשטין אַליין פֿערלאַנגט. אָבער זעה־נור! געדענקסט?...

סטאַס (זינגט): ביי דער שענקערין, דער יודין
שוואַרצע אויגען, — ברענען, זיעדען,
און דאָס קליידעל קורץ, געפֿאַרבט,
אַזש איהר הייקעל נאָך איהר שטאַרבט.

די פֿירשטין: איך וויל נישט קיין פֿרעהליכע ליעדער. זינג עפּעס אַ טרויעריגס, אַ וויינענדיגס, אַ מוראַ׳דיגס, עפּעס וועגען אַ מת, צו וואָס. איך וויל וויינען.

סטאַס באַבאַן: איך ווייס זעהר אַ שענע מַעֲשֶׂה מיט אַ מֵת.

די פֿירשטין: דערצעהל די מַעֲשֶׂה, אָבער עס זאָל זיין וואָס שרעקליכער.

סטאַס באַבאַן: אוי, איהר סטעפּעס ברייטע, לעבען פֿער־קנעכטעטעס! האָט געקאָזאַקט אין אוקראַינע אַ קאָזאַק אַ וואַהלער, מיט דעם נאָמען שעלודיווי בוניאַק. האָבען בוניאַקען גע׳הַרְג׳עט בייזע אַכְזָרים און מ׳האָט איהם אין אַ טיעפֿען גרוב אַריינגעוואָרפֿען. האָבען זיך איבער זיין גרוב פֿערזאַמעלט זעהר פֿיעל וואָראָנעס, האָבען פֿון זיין שאַרבען אַרויסגעריסען די אויגען זיינע די קלאָרע, האָבען אויף שטיקער דאָס האַרץ דעם חוואַט צעריסען, און האָבען גענומען זיין בלוט טרינקען דאָס שוואַרצע. האָבען זיי געטרונקען ניט איין טאָג און ניט צוויי טעג, און עס נעהמט קיין סוף ניט. דאָס בלוט נעהמט זיך גאָר ניט אויס: עס רינט און פֿליעסט ווי אַ שטראָמיג־טייכעל. איז ביי׳ם זעלבען וועגעלע־שטעגעלע אַ הייליגער מאַן דורכגעגאַנגען, מיקאָלאַי בַּעַל־נֵס. האָט ער דערזעהן דעם גוף פֿון דעם קנעכט דעם צַדִיק, בוניאַק שעלודיווי, האָט ער פֿאַררעדט דאָס בלוט זיינס דאָס שטראָמיגע, האָט ער פֿערשאָטען אַ קֶבֶר אַ הויכען און האָט פֿערשאָלטען די שוואַרצע וואָראָנעס: דער־

פאר, וואס איהר, ווארנעס האט בוניאק'ס בלוט געטרונקען, מוזט איהר איהם פון היינט אן מיט בלוט אנצוטרינקען פון היינט אן ביז אייביג אויף דור דורות.

די פירשטין: בוניאק איז דאך געשטארבען?

סטאס באבאן: בוניאק איז געשטארבען, זיין הארץ איז אבער ניט געשטארבען. זיין הארץ שפירט אלץ וואס אויף דער וועלט טהוט זיך, ווען מען פייניגט און ווי אזוי מען רודפט דעם אמת. יעדער נאכט, פונקט האלבע נאכט, עפענט זיך אויף בוניאק'ס קבר און בוניאק געהט אויף דער פרייער וועלט ארויס. זיצט אזוי בוניאק אויף זיין קבר א שרעקליך־גרויסער, א ווייסער. אנשטאט אויגען האט ער שווארצע לעכער. די הויט הענגט אויף איהם ווי רימענס, און אין בויך שיטען זיך איבער און קלאפען די צופוילטע ביינער.

דער פירשט: כילעבען א פרעהליכע מעשה פיר אזא סעודה.

די פירשטין: ענדיג, ענדיג!

סטאס באבאן: און בוניאק זעהט אז אלץ פיהרט זיך נאך אויף דער וועלט אויפ'ן אלטען שטייגער און ער וויינט ביטער און אויף זיין געוויין קומען צו פליהען דריי ווארנעס און יעדע האלט אין שנאבעל א קרוג מיט בלוט. אין ערשטען קרוג איז פויע'ריש בלוט, כשר'ס, אונשולדיג פערנאסענעס. ווי בוניאק טרינקט אויס דאס דאזיגע בלוט ווערט ער אין גאנצען שווארץ און צארענדיג, ווי א חמארע א אסיענ'דיגע. און אין צווייטען קרוג איז יודיש בלוט — ווי בוניאק טרינקט־אויס דאס דאזיגע בלוט ווערט איהם ווינציג וואס גרינגער. און ווי ער טרינקט אויס דעם דריטען קרוג הייבט ער אן צו שיינען אין גאנצען פאר פרייד און לעגט זיך צוריק אין קבר אריין ביז דער קומענדיגער נאכט.

די פירשטין: אבער וועמעס בלוט איז אין דריטען קרוג?

סטאס באבאן: אין דריטען קרוג איז פריציש בלוט, פויליש בלוט...

סינעלסקי: פסיא־קרעוו! האלט איהם!

סטאס באבאן (לאזט זיך שנעל צו די פעסטונגס טויערען און טרעט־אפ מיט א געשרעה): בוניאק געהט!

דריטער אויפֿטריט.

(אין די טויערען בעוויזט זיך מקסים קריוואנאס. נאָך איהם אַנדערע קאָזאַקען. די פּריצים צולויפֿען זיך מיט קולות: קאָזאַקען! צוזאַמען מיט זיי פֿערשווינדט אויך די פּירשטין).

סינעלסקי: אין הויף אַריין. מיינע הערשאַפֿט, פֿערטהיידיגען זיך!

דער פירשט: זאָיאַ! זאָיאַ! זאָיאַ! (ער ענטלויפֿט, פֿון דער דיענער־שאַפֿט בלייבט נאָר סטאַס באַבאַן).

סטאַס: איך בין פֿון אייערע, קאָזאַקעליך!

קריוואנאס: גוט. איז די וואַכט גרויס?

סטאַס: אַלע ליעגען אָהן די אונטערשטע פּיס, שיכּור'ן פֿון פריה־מאָרגען.

קריוואנאס: גוט, ברידער. רופֿט אַהער די איבעריגע. צושיט זיך איבער'ן שלאָס, האַפּט איהר ווענען, בינדט איהם גלייך און שלעפּט איהם אַהער. גריב, דו גיעב אַכטונג, אַז ביז וואָס־ווען זאָל מען קיינעם ניט הרגענען.

סטאַס באַבאַן: מען פֿערשאַרט דעם הויף.

קריוואנאס: הערסטו! צו די כּלים, ברידער! (די קאָזאַקען ברעכע די טויערען און רייסען זיך אַריין אין הויף פֿון וואַנען עס הערען זיך קולות. די סצענע בלייבט ליידיג).

פיערטער אויפֿטריט.

(דורך די פֿעסטונגס־טוירען לויפֿען אַריין די איבריגע קאָזאַקען און זיי צעשיטען זיך אויף איבער'ן שלאָס. נאָך זיי קומען די הארמאַטען, צו איינעם איז רבי אהרן צוגעשמידט, צו אַ צווייטען קאסטרא).

גריב: זעהט, חברה! אַ ליאַך איז אונטער'ן טיש בעהאַלטען; (מען שלעפּט־ארויס פֿון אונטערן טיש דעם פאַן סטרוס'ן. ער קוקט פֿריהער אויף אַלעמען מיט פֿערשכור'טע אויגען, ענדליך ניכטערט ער זיך אויגענבליק אויס).

סטרוס: אַי חלאַפּעס!

סטאַס באַבאַן: אַפּנים, דער שרעק בערוישט מעהר ווי דער וויין. (סטרוס'ן בינדט מען).

פינפטער אויפטריט.

(די קאָזאקען ברענגען צושלעפען דעם גלח בעראלדום).

שטימען: מען האָט דעם גַלָח געפּאַקט... אין אַ הינטעשער קאָנורע! — ער איז געקומען צו זוכען הילף ביי זיין קוואַטער! —

זעקסטער אויפטריט.

(אנדערע קאָזאקען שלעפען דעם פאַן וויסאָצקי'ן).

גריב: אונזער גאַסט... איצט איז ער בַּעַל־הַבַּיִת.

וויסאצקי: פאַניע יוריוס! פאַן יוריוס — וואו איז? ער ווייסט אַלץ... זאָל ער דערצעהלען... איך וועל געבען אויסלייז־געלד... איך האָב פערגראָבען אין וואַלד אַן אוצָר...

סטאם באבאַן (שלאָגט איהם איבער'ן בויך): לייגסט! אָט וואו דו האָסט בעגראָבען דיין פערמעגען! וואַרט אָבער אויס. דעם דאָזיגען אוצָר וועט מען שוין באַלד בעקומען און מען וועט עס וואַרפען פאַר שוואַרצע וואָראָנעס.

זיעבעטער אויפטריט.

(די קאָזאַקען מיט ריאַס'ען בראש ברענגען אַ געזונדענעם דעם פ. סינעלסקי'ן און נאָך פיעל אַנדערע פון דער וואַכט).

ריאסא: נו, פאַניע! דערפאַר וואָס דו האָסט ווי אַ העלד זיך פערטהיידיגט, וועט דער אַטאַמאַן אַליין דיך דעם ערשטען אויפהענגען.

סינעלסקי: איך שפיי דיר אין פּנים אַריין, מיאוסער פויער!

ריאסא: שפיי ניט, פאַניע, היט די שפייעכץ, זי וועט דיר צו ניטץ קומען, בְּשַׁעַת מיר וועלען דיך בראָטען, וועלען מיר דיר קיין טרונק נישט געבען.

אכטער אויפטריט.

(די זעלבע און דער פירשט).

דער פירשט (לויפט אריין אָהן אַ אָטהעם): זאָיאַ! וואו איז זאָיאַ? מענשען! וואו איז מיין טייבעלע? איך גיעב אוועק אַלץ: מיינע

אוצרות, מיינע גיטער, דאָס בלוט פֿונ'ם האַרצען! אָ, גאָט, בעשיין איהר! (ער וויל אַוועק).

ריאַסאַ: שטעה — וואוהין? דאָס ביזטו דער היענער פֿירשט? עס קען זעהר זיין, אַז איך וויים וואו דיין פֿירשטין איז.

דער פֿירשט: ווייסט? זי האָט מיך גערופֿען? געזוכט? זי זוכט מיך אומעדום, הא?

ריאַסאַ: און יוריוס'ן געדענקסטו?

דער פֿירשט: מיין גאָט!... אויב ער האָט זי געהרג'ט... וואַרט אַ רגע...

ריאַסאַ: ער האָט זי געהרג'ט, אויב ער האָט זי געקושט ביז צום טויט.

דער פֿירשט: אַ מגפֿה אין דיין צונג! אַוועק! וואו איז יוריוס? (ער רייסט זיך אַוועק צו געהן, אָבער מען לאָזט איהם ניט).

ריאַסאַ: אָט זעה נור. (פֿון פֿליגעל געהען־אַראָב די פֿירשטין און יוריוס, וועלכער האַלט זי אַרומגענומען פֿאַר דער טאַליע. זיי געהען אין דער ריכטונג צום טויער. זיי בעגלייט מאַגדוסיע).

ניינטער אויפֿטריט.

(די זעלבע, די פֿירשטין, יוריוס און מאַגדוסיע).

דער פֿירשט: אָ, מיין גליק! זאָיאַ, דאָ בין איך! לאָזט מיך! זאָיאַ! ווער איז דער אונגליקליכער, וואָס וואַגט זיך דיך אַרומצונעהמען? וואָס בעדייט עס? מיין גאָט! קעהר זיך אום צו מיר! מיר מישט זיך אין מח!

די פֿירשטין (ווענדט זיך צו איהם): זיי מוחל... פֿערגעס מיך, זיי גליקליך... (זי זאָגט עפּיס יוריוס'ן אין אויער אַריין).

די קאַזאַקען: אָט איז אַ פֿוינעל! אָט איז אַ פערל!

יוריוס: ברידער! איך האָב צום אַטאַמאַן אַ בקשה. איך האָב אייך פֿיעל נעדיענט און איך בין ווערט אַז מען זאָל מיר איין זאַך טהון: הרג'ט נישט דעם אַלטען, לאָזט איהם לעבען!

(יוריוס און די פֿירשטין געהען אַריין אין טויער)

דער פֿירשט: איך האָב מורא, איך פֿאַל אַנידער. גיעט אַהער אַ בענקעל! (סטאַס באָבאַן טראָגט איהם אַ שטוהל אונטער. אין האויף בעוויזט זיך אַ פֿלאַם)...

ריאסא: ווי עס לויפֿט! גיכער אין פּאַלאַץ. מיר וועלען אַרע ווינקעליך אַרום זוכען. (לויפֿט אוועק אין הויף).

צעהנטער אויפֿטריט.

(די זעלבע אָהן ריאס'ען).

דער פֿירשט: אַ דאַנק דיר, פֿריינד! נאָך איין טובה טהו מיר. לויף נאָך איהר. זאָג איהר אַז איך בין מרוצה צו פֿערציייען איהר, אַבי נור זי זאָל זיך צו מיר אומקעהרען. אָבער גיין, וואַרט־אויס! איך וועל געהן נאָך איהר אומעדום! וואוהין זי וועט געהן! זאָג איהר: איך בין אַלט. איך בין איהר ווי איינגעוואַקסען מיט דער זעעלע... זאָג איהר אַז איך ווייז, נו, לויף, לויף! (סטאַס באבאן געהט אוועק) אָ, אַלטקייט! האָסט ניט קיין כּח ניט צו לעבען און ניט צו שטאַרבען (ער בעמערקט קאסטראַ'ן) אַ, קאַסטראָ! איך געדענק! איך האָב דיר אַמאָל זעהר שטאַרק בעליידיגט. איצטער זעהסטו נקמה. מילא — פֿרעה זיך! ווער בין איך איצט? אַ אָרומער אָבגעלאַכטער, בעשווינדעלטער אַלטער!

קאסטרא: דו רעדסט וועגען נקמה? גאָט ווייסט דעם אמת, איך האָב טאַקי געוואָלט זיך נוקם זיין, אָבער איך קען ניט! איך זאָל נקמה זעהען, איך זאָל זיך פֿרעהען? איך, וואָס מיין האַרץ איז פֿול מיט טרויעריקייט, און פֿאַר פֿרייד איז דאָרט קיין ברעקיל אָרט נישט געבליבען? איך, וואָס מיין אונגליק איז אַזוי גרויס אויסגעוואַקסען, אַז זיין שאָטען אַליין פֿערדעקט מיך און דיך און די גאַנצע וועלט? דאָס, וואָס איך האָב געזעהן, זעהט מען נישט צוויי מאָל און פֿאַר וואָס דען זאָל איך אין דיר נקמה זעהן? דערפֿאַר וואָס דער מזל, טרייבענדיג אין דער וועלט אַריין, האָט דיך גלייך ווי אַלעמען פֿער־שאָלטען? „שטאַרב אַליין אָדער טוידט אַנדערע, לייד אַליין אָדער מאַך אַנדערע זאָלען ליידען! פֿעררעטהע אַנדערע אָדער זיי דו אַליין פֿער־רעטהעט!" זאָל איך דען נקמה זעהן דערפֿאַר וואָס דיך שמייסט איצט די זעלבע בייטש, וואָס שמייסט אונז שוין טויזענדער יאָהר? גיעב אַ קוק: אַ העליש פֿייער האָט אַ האַלבען הימעל אַרומגעהאַפּט. דאָס שרייבט דער מזל מיט זיין בלוטיגען פֿינגער זיין משפּט: פֿערשאָלטען זאָלען זיין אַלע לעבעדיגע! אונגליק די מענשען! עס איז ניטאָ אַזא

נאַריש גליק אויף דער וועלט וואָס זאָל זיי ניט צו שיידען מיט טויט־ליבער שִׂנְאָה. דער שוואַכער לעבט אין שרעק, אָבער דער גִבּוֹר, דער שטאַרקסטער ציטערט אויך. האָסטו דיינע פֿריינד פֿערדעטען, וועט דיר דער שונא פֿערניכטען, האָסטו די שׂוֹנְאִים אויסגעהרג׳ט, וועט דיך דער פֿריינד איבערגעבען. אַ־לע ראַנגלען זיך, קעמפֿען און מען בייט אויס צום סוף איין צָ־ה אויף דער צווייטער, איין קעט אויף דער צווייטער. און די נערעכטיגקייט דרעהט זיך איבער דער וועלט מיט איהר אייזערנעם ראָד און דריקט יעדען, און מעהר פֿון אַלעמען — מיין קראַנק האַרץ.

דער פירשט: ניט איין מאָל האָט זי זיך פֿאַר מיר מִתְוַדֶה געווען און איך, נאַר, האָב איהר נישט געגלויבט.

קאסטרא: ער איז שִׁכּוֹר פֿון זיין אייגענעם אונגליק, און איך האָב פֿון פֿרעמדען אונגליק זיך אויסגעניכטערט... (פויזע). אָט פֿאַר וואָס גאָט האָט אונז בעשאַפֿען אונשטערבליך! ער האָט געוואָ־ט דורך אונז בעריהמט מאַכען די ליידען! גרויסע ליידען פֿיהרען צו גרויסע ליעבע, ווי גרויס גליק. און אויב מיר זענען מוחל פֿרעהט זיך גאָט אין הימעל מיט זיינע מלאָכים. מיין שָׁעָה האָט שוין געשלאָגען. עס איז מקוּיָם געוואָרען אונזער נֶדֶר, פעדראָ! איך וואַרף פֿון מיין מידע נשמה אַראָב די מַשָׂא צָרוֹת מיינע און מיין פֿאָלק׳ס. און איך פֿיהל מיך גרינג! (ער קוקט אויף די פריצים) ווי בלאַס זיי זענען! ווי זיי ציטערען! שיק זיי צו, גאָט, אַ שטילען טויט!

סינעלסקי: גיעב, יוּד, דיין האַנד! (זיי דריקען זיך שטיל איינע די אַנדערע די הענד, אין די טויערען בעוויזט זיך סטאַס באָבאָן).

ערפטער אויפֿטריט.

(די זעלבע און סטאַס באַבאַן).

דער פירשט: זי געהט? זי קומט שוין! וואָס רעדסטו ניט?

סטאס באבאן: זי איז אַוועק געגאַנגען און גאָר נישט געזאָגט.

דער פירשט: זי איז אַוועק מיט׳ן חלאָם? זאָ־אַ! ווער לאַכט עס? הער אויס, פֿריינד, לויף ניכער. זאָג... וואוהין לויפֿט מען?.. צו וואָס? דאָס האַרץ גלויבט ניט... אָט ליענט אַ מעסער, גיעב איהם

אַהער, פריינד!.. (סטאַם דערלאַנגט) ניין, איך קען ניט... די הענד דיענען ניט... (ער פאַלט אין שטוהל. פון הויף, וועלכער איז אַרומגענומען אין פלאַמען, לויפט אַרויס קריוואָנאָס און נאָך קאָזאַקען און טראָגען טייערע חפצים).

צוועלפטער אויפטריט.

קריוואנאס: הוליעט, קינדער! טרינקט, זייט זיך משמח! מיר וועלען פון זיידענע קליידער אָנוטשעס רייסען. געלויבט זאָלען זיין די קאָזאַקען, און געבענשט די קירכע! הייבט אָן אייער געריכט! און זאָל קיין זכר ניט בלייבען פון לאַטיינישען גייסט! — נו, דאַרער יוד, ביזט צופריעדען?

קאסטרא (מיט שרעק): אָ, איך דערקען די גרויזאַמע שמייכלען... אָ, ערבאַרעם זיך, האָב אויף זיי רחמנות!

קריוואנאס: דער יוד איז משוגע געוואָרען! ביזט מיר נמאס געוואָרען מיט דיין קרעהען (ער גיעט איהם אַ קלאַפּ מיט׳ן קינזשאַל אין ברוסט):

רבי אהרן: ברוך דיין אמת!

קריוואנאס: און דו, אַלטער, האָסט אויך אויף זיי רחמנות?

רבי אהרן: איך בין צופריעדען, אַז די פריצים וועלען דערגעהן ווי אַזוי דו ביזט אונטריי געבליעבען, וועלען זיי אייך שוין מעהר ניט געליבען. נאָר עס פאַסט נישט אויסצודריקען די שמחה ווען גאָט — פּטט אַ מענשען.

(פאָרהאַנג).